בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם

ע"ד הסלולה של

רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

פ"ט

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**העיקר שהכל תלוי בו!**

**ווערסטו אמאל ריטשע רויט?!**

**מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד!**

**א פרוטה צדקה**

**לרגעים תבחננו**

**אויף אים דארפסטו זיפצן?**

**הקשר בין 'שמחה' - ל'זכרון עלמא דאתי'**

**אפילו בתוך הלאווקע**

**אין שום דיבור נאבד!**

**והמשכיל המבין**

**מעלת השתוקקות להשי"ת**

**דארט וועט ער האבן א שיינעם לויה**

**חיים קצב - 'חיים שיש בו'**

**וועלוול שייגעץ**

**רבוש"ע, גיב א חודש הייצונג!**

**א ריקוד פאר א פלאש נאפט**

**דאס איז א שוסטער?!**

**אז מען רעדט פון רבי'ן...**

**ווער דען האט געקענט דעם רבי'ן?!**

**ניגונים מתקופת רביז"ל**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #89

מכון טעם זקנים שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר זצ"ל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה
(MP3) של השיעור, יש לפנות
דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים דרך
הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של 15$ עבור הוצאות
עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**(+1) `347-232-7166**

בס"ד

# ~ פרשת נח, שנת תשל"ו ~

(טייפ מס' 106#)

## העיקר שהכל תלוי בו!

(חסרה ההתחלה, מדבר ע"פ התורה בליקוטי מוהר"ן 'צהר תעשה לתיבה' - סימן קי"ב, עי' הערה[א])

**"העיקר שהכל תלוי בו", זאגט דער רבי[ב], "איז אמת" - דארף ער זיך ציען צום אמת, דארף ער בעטן דעם אויבערשטן אויף אמת, דער עיקר חשיבות איז דאס!**

**איך דארף דאך וויסן אז דו האסט נאר ליב אמת, און דו גלוסט נאר צום אמת! 'מלמעלה גלוסט מען נאר צום אמת' - וועט דער רבי זאגן וייטער[ג].**

[א] וזל"ש בתחילתה: "הנה ידוע כי "סביב רשעים יתהלכון" (תהלים י"ב). כי הסטרא אחרא מסבבת הקדושה, כי את זה לעומת זה עשה. ובפרט מי שכבר נמשך אחר עבירות, ח"ו, ונמשך אחר הסטרא אחרא, ושם מקומו, ח"ו, והם מסבבין אותו מכל צד. וכאשר יעורר רוחו לשוב אל ה', קשה לו מאד להתפלל ולדבר דיבורים לפני השם, כי הן מסבבין אותו מכל צד, לכל אחד לפי ענינו כנ"ל. ומחמת שאי אפשר לו להוציא דיבור לפני אלקים בדחילו ורחימו וחיות כראוי, לכן כל הדיבורים והתפילות שהוא מדבר לא יוכלו לבקוע המחיצות והמסכים המבדילים לעלות למעלה, ונשארים למטה תחת המסכים, עד אשר יזכה וישוב באמת, וידבר דיבורים הראויין להתקבל בדחילו ורחימו מעמקא דלבא בהתעוררות גדול, אזי מבקע הדיבור המאיר את כל המחצות והמסכים המבדילים, ויעלו עמו כל הדיבורים שהיו מונחים למטה עד הנה".

[ב] שם בהמשך: "אך איך יזכה לזה? **העיקר שהכל תלוי בו הוא אמת!** לילך בדרך אמת לפי מדריגתו, כי 'חותמו של הקדוש ברוך הוא אמת' (שבת נה יומא סט), והוא יסוד הכל!".

[ג] וזל"ש: "תכלנה מלמעלה, מלשון (תהלים פ"ד): "כלתה נפשי", שיהיה נכספין להם למעלה שיהיו דיבורי אמת המאירים". גם עי' בליקו"מ סי' ט' אות ג': ודע, שהכל לפי גודל האמת, כי עקר האור הוא הקדוש ברוך הוא, והקדוש ברוך הוא הוא עצם האמת, ועיקר השתוקקות של השם יתברך אינו אלא אל האמת. וזה: "ואל אמה תכלנה מלמעלה", לשון (שמואל ב י"ג): "ותכל נפש דוד". אמה - היא ה' מוצאות, הכלולים מאש ומים, היינו שתראה שיצאו הדיבורים מפיך באמת, ואז ישתוקק הקדוש ברוך הוא מלמעלה לשכון אצלך; וכשישכון אצלך, הוא יאיר לך. וזה: אמה תכלנה מלמעלה - ראשי תבות אמת, כי על ידי אמת הקדוש ברוך הוא חומד מלמעלה לשכון עם האדם, כמו שכתוב: "קרוב ה' לכל קוראיו" וכו'.

"לילך בדרך אמת לפי מדריגתו, כי חותמו של הקב"ה אמת, והוא יסוד הכל!" געוואלדיגע לשונות - והוא יסוד הכל! דער יסוד פון אלע עבודות פון אלע מצוות איז נאר אמת, דאס איז זיין חותם און דאס ברעכט דורך אלע מחיצות.

עס קען זיין א קליין מענטשעלע וואס ממש ער הייבט איצטער אן און ער איז אזוי מגושם ארום און ארום, אבער דער אמת ברעכט דורך אלע מחיצות, גייט ער דורך!

"אמת איז ראש תוך סוף"[ד] - א מימרא פון ריש לקיש[ה]. דאס הייסט אזוי: בפשיטות קומט אויס, אז דער אמת דארף זיין פון דעם אנהויב ביזן סוף, אז די גאנצע זאך זאל זיין מיט אן אמת. נאר וואס דען, אפילו אז איינער דערמאנט זיך ביי שמע קולנו - 'אוי לאמיר זיך פון איצטער בעסער צוהערן זיך' - איז כאטש ער איז שוין ביים סוף, איז עס אויך עפעס אמת.

אוודאי אז דער אויבערשטער העלפט אז מען הייבט אן ביי דעם אל"ף - פון דעם אנהויב אן גייט עס - איז א גאנצער אמת; אבער דער ת' איז דאך אויך אן אות פון אמ"ת - און דער מ"ם אינדערמיט איז דאך אויך אן אות פון אמ"ת, איז אפילו ער דערמאנט זיך ביים סוף (הוא ג"כ יקר מאד למעלה).

דאס איז אין זמן אויך: איינער דערמאנט זיך ביים סוף - אויף דער עלטער דערמאנט ער זיך. אוודאי - ווי זאגט ירמי' הנביא[ו]: "טוב לגבר כי ישא עול בנעוריו" - אז מען כאפט פון די יוגנט אן און מען גייט 'ראש תוך סוף', מען גייט אלץ מיט אן אמת - אבער אז ער דערמאנט זיך אויף די עלטערע יארן, זאל ער דעמאלט אנהויבן.

---

[ד] שם בהמשך: "כי אמת הוא ראש תוך סוף. וכיון שהוא במדריגת אמת, אזי כביכול נתלבש בו אור השם יתברך בעצמו, אשר חותמו אמת, ואז נאמר עליו: "ה' אורי וישעי" (תהלים קלט). וכיון שה' אור לו, יוכל למצא פתחים הרבה לצאת מהחושך והגלות שהוא סגור שם".

[ה] גמ' שבת (קד.): קו"ף - קדוש. רי"ש - רשע. מאי טעמא מהדר אפיה דקו"ף מרי"ש? אמר הקדוש ברוך הוא: אין אני יכול להסתכל ברשע. ומאי טעמא מהדרה תגיה דקו"ף לגבי רי"ש? אמר הקדוש ברוך הוא: אם חוזר בו אני קושר לו כתר כמותי. מאי טעמא כרעיה דקו"ף תלויה? דאי הדר ביה, ליעייל. וליעול בהך? מסייע ליה לריש לקיש, דאמר ריש לקיש, מאי דכתיב: "אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן" - בא ליטמא פותחין לו, בא ליטהר מסייעים אותו. שי"ן - שקר. תי"ו - אמ"ת. מאי טעמא שק"ר - מקרבן מיליה, אמ"ת - מרחקא מיליה? שיקרא שכיח קושטא לא שכיח. ומאי טעמא שיקרא אחדא כרעיה קאי ואמת מלבן לבוניה? קושטא קאי שיקרא לא קאי.

[ו] איכה ג, כז.

דאס אייגענע ביים דאווענען אויך: ווען ער דערמאנט זיך - (הייב אן גלייך) פון איצטערט; אז איך האב זיך דערמאנט ביי סוף שמונה עשרה - וואו ער דערמאנט זיך - זאל ער דעמאלט אנהויבן, ווייל דער אמת איז אזוי גרויס פאר דעם אויבערשטן אז וואו ער דערמאנט זיך (הוא יקר מאד בעיניו יתברך).

"כי אמת הוא ראש תוך סוף, וכיון שהוא במדריגת אמת" - וויבאלד ער איז אין א מדריגה פון אמת - פשט איז: 'אין א מדריגה פון אמת ביי וואס ער האלט' - איז כביכול ווערט אין אים נתלבש דער אור השי"ת בעצמו וואס זיין חותם איז אמת.

א מענטש אז ער איז אזוי ווייט פון דעם אויבערשטן, אזוי מגושם'דיג און אזוי מזוהם'דיג, ווי קען ער זוכה זיין צום אמת? - זאגט דער רבי דא: אז ער איז אין א (מדריגה של אמת) ווערט אין אים מלובש דער אור השי"ת בעצמו וואס זיין חותם איז אמת.

דער אויבערשטער האט ליב אמת און ער וויל אמת - ווערט אין אים (דער מענטש) מלובש דער אור פון דעם אויבערשטן. אפילו ער איז וויאזוי ער איז - דער אויבערשטער וויל אים, ווייל ער האט דאך אין זיך א נקודה פון אמת.

❖

## ווערסטו אמאל ריטשע רויט?!

דער רבי זאגט אין תורה ל"ח[י], אז אמת איז דער זאך פון בושה. דארטן זאגט דער רבי, אז דער סימן צו מען איז דבוק אינעם אויבערשטן, איז תפילין. זאגט דער רבי דארט ווייטער, אז תפילין מיינט מען בושה, א מענטש אז ער שעמט זיך פאר'ן אויבערשטן, איז א סימן אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן, ער שעמט זיך פארן אויבערשטן!

---

[י] וזל"ש, ע"פ ליקוטי עצות, דיבור, אות ז': "תִּקּוּן הַדִּבּוּר הוּא עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁלּוֹמְדִים בַּעֲנִיּוּת וּבְדַחֲקוּת בְּעֵת שֶׁצַּר לָאָדָם וכו', וְעַל־יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בְּשַׁלְהֶבֶת הַגְּבוּרוֹת וִיעוֹרֵר אֶת עַצְמוֹ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְדִבּוּר אֱמֶת לְמִבְחַר הָאֱמֶת שֶׁיֵּשׁ בְּהַדִּבּוּר, הַיְנוּ שֶׁיְּדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת גָּדוֹל לַאֲמִתּוֹ, וִיפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ וִידַבֵּר בַּחֲמִימוּת שֶׁבַּלֵּב דִּבְרֵי אֱמֶת שֶׁבַּלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת בִּתְשׁוּבָה, עַד שֶׁיִּרְאֶה פְּחִיתוּתָיו וּגְדֻלַּת הַבּוֹרֵא עַד שֶׁיָּבוֹא לְבוּשָׁה גְּדוֹלָה עַל־יְדֵי זֶה, לְהִתְבַּיֵּשׁ מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ עַל גֹּדֶל פְּשָׁעָיו וְכוּ'. וְעַל־יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְאוֹר הַתְּפִלִּין שֶׁהֵם בְּחִינַת דְּבֵקוּת לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהֵם בְּחִינַת קֵרוּן אוֹר הַפָּנִים!".

דאס ווייסט דאך א מענטש ביי זיך - צו איך שעם זיך אט די בושה. דאס איז א סימן אז ער איז דבוק אין דעם אויבערשטן, און טאקע דער עיקר תשובה, איז בושה[ח].

און 'אמת' איז אויך דער זאך: אז איך האב אמת, שעם איך זיך פאר'ן אויבערשטן, איך שעם זיך פאר אים - און דאס אליין איז א געוואלדיגער אמת, "העובר עבירה ומתבייש בה"[ט] - דער ענין פון 'מתבייש' איז טאקע - 'אליין', אליין ווערן פארשעמט, אליין האבן אין זיך א בושה.

❖

דער רבי האט געזאגט אמאל צו ר' נתן'ען: "ווערסטו אמאל ריטשע רויט פאר'ן אויבערשטן?!". 'ריטשע רויט' איז אן אוקריייניש ווארט: 'שטארק רויט'!

'דו ווערסט אמאל ריטשע רויט פארן אויבערשטן?!' - דאס הייסט דו זאלסט אזוי רעדן צום אויבערשטן דיבורים אז דו זאלסט ווערן ריטשע רויט, אזוי ווי ווען איינער ווערט פארשעמט, ווערט ער אזוי רויט.

(וזהו הכוונה:) 'ווערסטו אמאל ריטשע רויט פאר דעם אויבערשטן?!' - (היינו) דו זאלסט אזוי רעדן צום אויבערשטן דיבורים, אז דו זאלסט ווערן ריטשע רויט!

זעהט מען דאך אלץ, אז 'אמת' מיט 'בושה' איז גאר איין זאך: וואס דער מענטש האלט ביי מער אמת, ליגט (אויף אים) מער א בושה. פאר וועמען דארף ער זיך שעמען? פאר דעם אויבערשטן! פאר'ן אויבערשטן דארף מען זיך שעמען!

❖

[ח] גם זה שם. וזל"ש ע"פ קיצור ליקוטי מוהר"ן, אות ט': "עַל־כֵּן אָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'הָעוֹבֵר עֲבֵרָה וּמִתְבַּיֵּשׁ בָּהּ מוֹחֲלִין לוֹ מִיָּד' (בְּרָכוֹת יב:), כִּי הָעֲבֵרָה מַכְנִיס בְּאָדָם רוּחַ שְׁטוּת, וְעַל־יְדֵי בוּשָׁה מַחֲזִיר הַמֹּחִין כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אָז תָּבִין יִרְאַת ה'" (מִשְׁלֵי ב, ה), בְּחִינַת בּוּשָׁה כַּנַּ"ל, שֶׁהִיא עִקַּר הַתְּשׁוּבָה, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה זוֹכִין לְאוֹר הַתְּפִלִּין בְּחִינַת קֵרוּן עוֹר הַפָּנִים".

[ט] ברכות יב:

## מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד!

אבער צוריק ווידער; אין די אלע דיבורים פון דעם רבי'ן דארף מען דאך מצרף זיין דעם רבי'נס א דיבור, אז "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד!"[י]. א מענטש דארף האבן א בושה פאר דעם אויבערשטן; און ער דארף זיין תמיד פרייליך אויך!

מיר וועלן דאך נישט זאגן אז איינס איז סותר דאס אנדערע; דאס איז אזעלכע רפואות, וואס איין רפואה איז נישט סותר די אנדערע - מוז מען דאך זאגן אז עס קען זיין ביידע צוזאמען אויך.

דער מענטש - אז דער אויבערשטער העלפט - אז ער באקומט עפעס א בושה, דארף ער זיין אזוי פרייליך: 'רבונו של עולם איך שעם זיך פאר דיר, איך ווייס אז איך האב דיר דערצערנט, איך שעם זיך פאר דיר' - דארף פון דעם זיין א געוואלדיגער שמחה.

אז איינער טוט עפעס א נחת רוח (להשי"ת), דארף ער זיין צופרידן פון דעם נחת רוח - (הלא עשיתי) ריח ניחוח לה', דארף ער זיין צופרידן דערפון, איי מיר פעלט נאך? וועל איך 'וועלן' נאך!

קומט דאך אויס, אז דער מענטש דארף זיך כסדר פרייען מיט די נקודות טובות, און דעמאלט קען ער טאקע זיין בשמחה תמיד, ווארום די נקודות טובות, זיי דארפן מיר מאכן פרייליך! יעדע נקודה טובה איז דאך א הון רב!

❖

## א פרוטה צדקה

עס איז דא א מעשה פון דעם ישמח משה; דער ישמח משה האט קיינמאל נישט געזעהן דעם רבי'ן ר' אלימלך'ן; ער האט שוין אמאל געוואלט פארן צו אים, ער האט אים געוואלט זעהן, איז געקומען עפעס א רב דארטן, א גרויסער למדן (ושאל לו:) 'וואו פארט איר?'. (ענה:) איך פאר צום רבי'ן ר' אלימלך.

---

[י] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ד.

(אמר לו רב פלוני:) 'דו פארסט צו אים? דו ביסט דאך מער א למדן פון אים, דו ביסט מבזה די תורה!'. (וחזר בעצמו ולא נסע עוד) און דער רבי ר' אלימלך איז באלד נפטר געווארן.

- אלע יארן האט ער נישט סובל געווען וואס ער האט נישט געזעהן דעם רבי'ן ר' אלימלך, ער האט געהאט חרטה אויף וואס ער האט דעם ר' אלימלך נישט געזעהן. נאכדעם איז ער געווארן מקורב צום חוזה, האט ער שוין אוודאי געוואוסט ווער דער רבי ר' אלימלך איז געווען.

(פעם אחת היה) אן אייניקל איז געווען ביי אים שלאף, האט ער געשיקט א שליח צום רבי'ן ר' אלימלך אויפן ציון ער זאל דארט בעטן, און ער האט געזאגט צו דער שליח אז ער זאל קוקן אויפן זייגער ביי זיך ווען ער איז געווען ביים רבי'ן ר' אלימלך - די צייט.

(גם אמר לו:) ווען דו וועסט קומען צום רבי'ן ר' אלימלך - די צדיקים כמה מאל זענען זיי אין די עולמות - (ע"כ) ווען דו וועסט אריינקומען אויפן פעלד, זאלסטו זאגן: 'איך גיב צדקה פאר די נשמה וואס וועט לויפן זאגן דעם רבי'ן ר' אלימלך אז מען איז געקומען צו אים'!

(ומתוך כך, אמר לו:) "**וועלן אסאך נשמות לויפן** (צו מודיע זיין) - **ווארום 'דארטן'** (בעולם העליון) - **איז א פרוטה צדקה זייער חשוב!**".

אזוי ברענגט ער דארטן: "דארטן איז זייער חשוב א פרוטה צדקה - וועלן דאך אסאך לויפן. (ע"כ) זאלסטו זאגן: איך גיב צדקה פאר די נשמה וואס וועט לויפן זאגן דעם רבי'ן ר' אלימלך אז מען איז געקומען צו אים!".

איז ער געקומען צום רבי'ן ר' אלימלך אויפן ציון, און פונקט די רגע וואס (ער איז געקומען), איז געווארן (א שינוי לטובה אצל החולה).

- איך רעד דאך די ווארט וואס דער ישמח משה האט געזאגט: אז "דארטן איז א פרוטה צדקה זייער חשוב!"

- וואס איז א פרוטה צדקה? דאס קען מען דאך ארויסכאפן?! - דאס איז אויך דאס אייגענע: בשעת איך גיב די פרוטה צדקה, איז די שמחה וואס איך דארף האבן דערפון און די אמונה וואס איך דארף האבן דערפון - איז פועל'ט אלץ די פרוטה צדקה מער, עס איז מער!

און אזוי - מיט יעדע נקודה טובה; מיר פעלט טאקע אסאך, וואס זעהט זיך אן די נקודה טובה? וואס זעהט זיך עס אן? - אבער מיט דעם דארפסטו אויך זיין פרייליך, דאס איז אויך א נחת רוח, דאס איז אויך זייער חשוב פאר'ן אויבערשטן!

ממילא קען זיין אלעם צוזאמען: 'מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד' - און כאפן און זוכן נאך 'נקודות טובות': זוכן נאך א דיבור, נאך א דיבור תורה, נאך א דיבור תפילה, נאך א פרוטה צדקה, נאך א זאך - און אויך זיין דערמיט פרייליך.

ווארום אויב איך בין נישט דערמיט פרייליך, איז עס א פגם גאר, עס איז גאר א פגם - דו טוסט א נחת רוח פאר דעם אויבערשטן און דו ביסט נישט פרייליך דערמיט?! איי דו ביסט נאך קראנק? איז זוך ווייטער, זוך ווייטער!

אז דער רבי האט געזאגט - מוז מען דאך דעם דיבור תמיד מקיים זיין!

התבודדות האט דער רבי נישט געהייסן האבן דעם גאנצן טאג, אבער שמחה האט ער געהייסן האבן דעם גאנצן טאג; 'להיות בשמחה תמיד' איז דער פשט: ביי תורה און ביי תפילה, ביי מצוות - אין ביי וואס אלץ עס טוט זיך, זאלסטו זיין בשמחה!

❖

## לרגעים תבחננו

אין א מכתב[א] שרייבט ר' נתן - צום זון שרייבט ער: אויף אייך איז געזאגט געווארן "לרגעים תבחננו" - 'איך פרואווט מען מיט א רגע'!

מען גיבט איינעם א נסיון אויף א רגע: דו וועסט כאפן א קוק - צו נישט, דו וועסט כאפן א טראכט - צו נישט! - און אז ער איז עומד בנסיון איז אויך גוט.

דער רגע וואס איך כאפ ארויס א נקודה טובה פאר'ן אויבערשטן, קען איך דאך נישט די רגע חלילה דערצערענען דעם אויבערשטן; האט ער כאטש א רגע עומד בנסיון געווען, איז אויך גוט!

---

[א] עי' עלים לתרופה מכתב צ"ב; "...וְזֹאת תִּזְכֹּר מַה שֶּׁדִּבַּרְנוּ בְּסָמוּךְ מִפָּסוּק (אִיּוֹב ז') "לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ", כִּי כֵן הוּא הָאֱמֶת שֶׁהָאָדָם נִבְחָן בְּנִסְיוֹנוֹת בְּכָל רֶגַע, וְאֵין רֶגַע דּוֹמָה לַחֲבֶרְתָּהּ, עַל כֵּן בְּכָל רֶגַע יְכוֹלִין לִזְכּוֹת הַרְבֵּה וְלַחֲטֹף טוֹב הַרְבֵּה וְלִבְרֹחַ מֵרַע הַרְבֵּה הַמִּתְגַּבֵּר וּמִתְעוֹרֵר בְּכָל רֶגַע, כִּי אֲנָשִׁים כְּעֶרְכְּכֶם הַמִּלְחָמָה הִיא בְּכָל עֵת וָרֶגַע מַמָּשׁ, וּבִפְרָט בְּעִנְיַן הַהַשְׁלָכָה וְהַנְּפִילוֹת רח"ל שֶׁרוֹצֶה לְהַשְׁלִיךְ וּלְהַפִּיל אֶת הָאָדָם בְּכָל עֵת, וּצְרִיכִין הִתְחַזְּקוּת הַרְבֵּה וְהִתְעוֹרְרוּת הַרְבֵּה בְּכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה, וְלִפְעָמִים בְּכָל רֶגַע ..."

גרויסע מענטשן פרואווט מען מיט א טאג, מיט א חודש - אייך פרואווט מען מיט א רגע! און עס איז אויך פאר'ן אויבערשטן חשוב - ער האט כאטש א רגע עומד בנסיון געווען!

דער רבי האט געזאגט[יב]: "אדער א נסיון אדער א בזיון", אויב מען איז נישט עומד בנסיון, האט מען א בזיון - איינע אדער די אנדערע: אדער א נסיון אדער א בזיון!

קומט דאך אויס, אז דער אויבערשטער העלפט אז איך האב זיך איינגעהאלטן, איך האב נישט געקוקט - דארף איך זיין פרייליך, איך האב דאך די רגע עומד בנסיון געווען, איך האב נישט געטראכט, איך האב נישט גערעדט!

עס קומט א ברענונג צו רעדן און רעדן און רעדן - און איך רעד נישט, האב איך א רגע עומד בנסיון געווען, דארף איך זיין דערפון צופרידן, איך דארף זיין פרייליך דערמיט!

נאך א זאך: די שמחה וואס איך פריי זיך דערמיט - די שמחה אליין איז גורם אז איך וויל שוין נאך א זאך, איך וויל שוין נאך!

דער ברטנורא, אויף 'שכר מצוה מצוה' (זאגט ער), די הנאה און דער תענוג וואס איך האב פון די מצוה, דאס אליין איז אויך א מצוה[יג].

דער שמחה וואס איך האב דערפון, דאס איז אויך פאר'ן אויבערשטן א מצוה, שכר מצוה מצוה - די הנאה ותענוג וואס איך האב דערפון.

אז מען טוט א מצוה - און 'יא' טוט ער 'יא' - און עס האט נישט ביי אים קיין חשיבות, איז די מצוה אליין האט אויך נישט קיין חשיבות... - זיי פרייליך מיט די מצוה! איך דארף נישט האבן קיין גאוה דערפון; שמחה מיט גאוה דאס איז דאך צוויי הפכים.

---

[יב] עי' שיחות הר"ן, ד"ש: "פעם אחת התלוצץ מזה ואמר שעל זה מבקשים בכל יום ואל תביאני לידי נסיון ולא לידי בזיון. ואמר בזו הלשון: **אדער א נסיון אדער א בזיון**. היינו כי אם לא יעמוד בנסיון יהיה לו בזיון".

[יג] וז"ל, במסכת אבות פ"ד, מ"ב: "פי' אחר, ש'שכר מצוה מצוה'. שכל מה שאדם משתכר ומתענג בעשיית המצוה נחשב לו למצוה בפני עצמה. ונוטל שכר על המצוה שעשה ועל העונג וההנאה שנהנה בעשייתה!".

גאוה טאר איך טאקע נישט האבן, אבער עס איז א הון רב. אז מען האט אים געשיקט א מתנה טויזנט דאלער, ווערט דער מענטש ביי זיך עפעס פרייליכער, ער פריידט זיך, (כמו"כ) אז איך כאפ ארויס א מצוה, דארף איך דאך באמת זיין געוואלד פרייליך!

❖

## אויף אים דארפסטו זיפצן?

ר' נחמן ר' יודל'ס איז געווען אין ברסלב - איינער פון די גרויסע מענטשן געווען, א געוואלדיגער מענטש געווען, ער איז געווען ביי ר' נתן א בחינת תלמיד חבר, ר' נתן פלעגט גיין צו אים רעדן (בעבודת השם).

ער איז געווען ל"ע א קראנקער מענטש, און אן ארימאן א גרויסער, און ער האט געהאט א ווייב, א שלאק, א צרה - ער איז געווען א געוואלדיגער עובד השם.

עס איז געווען אמאל עפעס אזוי, מען האט זיך אנגערופן צו ר' נתן'ען: "איי, ר' נחמן ר' יודל'ס - אויף אים איז א רחמנות, מען האט אויסגערעכנט: א קראנקער מענטש, אן ארעמאן, און ער האט א שלעכט ווייב" - אזוי אויסגערעכנט.

האט ר' נתן געזאגט: "אויף אים זיפצסטו? ער איז אן עובד השם, ער דינט דעם אויבערשטן, דערצו איז ער קראנק, דערצו איז ער ארעם, דערצו האט ער א שלעכט ווייב - ער וועט אוודאי נישט זיין קיין רואה פני גהינום; זיפצן זאלסטו זיפצן אויף דעם נגיד וואס ער עסט אפ דעם גוטן (סעודת) צהרים, און לייגט זיך צו, און עס טוט זיך מיט אים וואס ער (אליין) ווייסט - אויף אים זאלסטו זיפצן!"

דער איד וואס איז מקושר צום תכלית מיט אן אמת, איז דאך טאקע אזוי - אויף וועם זאל איך זיפצן?! א איד א צדיק, א קדוש - (איי ער איז) אן ארעמאן? נו, דער וועלט איז דאך א צל עובר, עס לויפט אריבער, שוין, פטור!; וואס האט אנטקעגן - א גביר א מיליאנער, געפוצט און רייך, וואס איז דאס? דארטן איז דאך עס גארנישט, ער וועט דען מיטנעמען מיט זיך דאס רייכקייט? אויף וועמען דארף איך זיפצן?!

טאקע דאס איז דער אמת'ער געדאנק: אויף וועמען דארף איך זיפצן?! - אויף וועמען איז מער א רחמנות?!

❖

# הקשר בין 'שמחה' - ל'זכרון עלמא דאתי'

ר' אברהם ר' נחמן'ס ברענגט אויף רבי נתן'ען א שבח, אז 'זכרון יום המות לא נפסק ממחשבתו אפילו כשעה קלה!'[יד] - און דא האט ער געפאלגט דעם רבי'ן - ער איז געווען פרייליך תמיד; קומט דאך אויס, אז די ביידע זאכן קענען זיין צוזאמען - און עס 'מוזן' זיין צוזאמען די ביידע זאכן!

(פאר מענטשן דאכט זיך) אז מען דערמאנט זיך אין יום המיתה, ווערט מען גאר מרה שחורה'דיג - (אבער) ניין, (כי האמת היא) דער וועלט אליין קען בשום אופן נישט מאכן פרייליך דעם מענטש. די תאוות פון דער וועלט 'אכילה ושתיה' און אנדערע תאוות - דאס קען נישט בשום אופן מאכן פרייליך.

עס דאכט זיך אים אזוי בשעת ער עסט - אבער דאס מאכט נישט פרייליך, עס מאכט א כבידות און אן עצלות און אן עצבות. 'פרייליך' קען נאר מאכן - א מצוה[טו], א גוטער געדאנק (- מחשבה טובה), א התקשרות צו עלמא דאתי - דאס קען מאכן פרייליך!

און דער וואס איז טאקע מקושר צו עלמא דאתי, צום תכלית, ער איז דאך מקושר צו א שמחה ממש, צו א שמחה דקדושה, ער פריידט זיך דאך מיטן אויבערשטן אליין,

---

[יד] עי' כוכבי אור, אנשי מוהר"ן ח"א, אות ט"ז: "וּלְהַרְבּוֹת בִּשְׁבָחָיו יִקְצְרוּ הֲמוֹן יְרִיעוֹת. וְכַאֲשֶׁר הָיָה נוֹדָע לְכָל יוֹדְעָיו וּמַכִּירָיו אֲשֶׁר הִכִּירוּהוּ מֵעוֹדוֹ עַד יוֹם הִסְתַּלְּקוּתוֹ, שֶׁמִּיּוֹם הִתְקָרְבוּתוֹ לַאֲדְמוֹ"ר זַצַ"ל נִבְעַר לְבָבוֹ בְּתַבְעֵרַת עָצוּם וּמֻפְלָג אֲשֶׁר אֵין לְשַׁעֵר, וְזִכְרוֹן יוֹם הַמָּוֶת לֹא נִפְסַק מִמַּחֲשַׁבְתּוֹ אֲפִלּוּ כְּשָׁעָה קַלָּה. וּכְפִי עַמְקוּת רַעְיוֹנָיו אֲשֶׁר הֶעֱמִיק בִּמְהִירוּת פְּרִיחַת הַזְּמַן שֶׁל חַיֵּי הָאָדָם בְּזֶה הָעוֹלָם, שֶׁכְּאַיִן יֵחָשְׁבוּ נֶגֶד חַיֵּי הָעוֹלָם הַנִּצְחִי, וְגַם הֲלֹא בִּמְהִירַת פְּרִיחַת הַזְּמַן הַזֶּה מְסֻכָּן הָאָדָם בְּכָל רֶגַע וָרֶגַע, הָיָה נֶחְשָׁב בְּעֵינָיו כָּל הָעוֹסְקִים בְּהַבְלֵי הָעוֹלָם כִּמְשֻׁגָּע מַמָּשׁ. וְאֶת כָּל הָעֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד שֶׁנִּתְגַּדֵּל בָּזֶה מִנְּעוּרָיו, מָאַס וְגָעַל וְשִׁקֵּץ!".

[טו] עי' ליקוטי הלכות נשיאת כפים ה"ד, אות ד': "כי עיקר השמחה הוא שמחת המצוות בחינת (תהלים י"ט) פקודי ה' ישרים משמחי לב. ומי שמאמין בהשם יתברך ובתורתו הקדושה בתמימות ובפשיטות כמו שכל ישראל מאמינים, בודאי אין שמחה בעולם כמו שמחת עשיית המצוות שאנו זוכין לעשות נחת רוח ליוצרנו ובוראנו יתברך. ואנו קונים לנו חיי עולם לעולמי עד ולנצח נצחים על ידי חוטי הציצית שקונים אותם בעד גדול אחד ואנו נכללים על ידי זה באור האין סוף. היש שמחה גדולה מזו? כי זה כל אדם יכול להבין שבעולם הזה אין שום שמחה בעולם! כי מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש. ואם יצבור כעפר כסף וזהב סוף כל סוף מה יתרון לו בכל זה כי לא במותו יקח הכל. והכל יודעין שסוף אדם למות וימינו כצל עובר. ומי שיש לו רק איזה רשימה בעלמא של שכל אמתי אפילו נכרי יכול להבין שאין שום שמחה בזה העולם כלל! כי אחרית שמחה תוגה, ועל זה נאמר ולשמחה מה זה עושה (קהלת ב')", עכלה"ק.

"ישמח לב מבקשי ה'" - זיי קענען זיך פרייען! די וואס זוכן דעם אויבערשטן - זיי קענען זיין פריילין!

דער רבי וועט דאך נישט זאגן צוויי זאכן וואס איינס איז סותר דאס אנדערע: ער האט געזאגט מען זאל זיין תמיד פריילין - און (ער האט געזאגט) אז מען דארף זייער היטן דעם זכרון פון עלמא דאתי אז עס זאל נישט זיין ח"ו בדעתו אז עס איז נאר דא איין וועלט - דער רבי זאגט די ביידע זאכן: -

"כך ראוי להיות מנהג יראי השם תיכף בבוקר בהקיצו משנתו יזכור מיד שיש עלמא דאתי"[טו] - דאס ערשטע געדאנק זאל באלד זיין דאס דאזיגע. קומט דאך אויס, אז דער רבי הייסט האבן תמיד א זכרון אין עלמא דאתי - און דא זאגט דער רבי אז מען זאל זיין תמיד פריילין!?

נאר די ביידע איז גאר איין זאך: ווייל וואס מען האט מער אינזין דעם עלמא דאתי, איז מען דאך ווייטער פון די תאוות פון די תענוגים פון דער וועלט, (ממילא) ליגט נישט (אויף אים) דער כבידות פון דער וועלט, דער עצבות פון דער וועלט, (ע"כ) דעמאלטס קען ער האבן אן אמת'ער שמחה!

❖

(חוזר לתורה קי"ב) "ואז נאמר עליו ה' אורי וישעי"[טז]. אז דער אויבערשטער איז מיין אור - אט דאס איז מיין הילף, דאס איז אינגאנצן מיין הילף. און ווען איז דער אויבערשטער מיין אור? אז איך צי זיך צום אמת!

---

[טו] תורף הלשון מתוך תורה נ"ד, "וזל"ש ע"פ ליקו"ע זכרון אות ד': צָרִיךְ לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַזִּכָּרוֹן שֶׁלֹּא יִפֹּל לְשִׁכְחָה, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְאָתֵי וְלֹא יִשְׁכַּח. וְכָךְ רָאוּי לִהְיוֹת מִנְהַג אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי, שֶׁתֵּכֶף בַּבֹּקֶר בַּהֲקִיצוֹ מִשְּׁנָתוֹ, מִיַּד כְּשֶׁיִּפְתַּח אֶת עֵינָיו קֹדֶם שֶׁיַּתְחִיל שׁוּם דָּבָר, יַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ תֵּכֶף בְּעָלְמָא דְאָתֵי. וְזֶה בְּחִינַת זִכָּרוֹן בִּכְלָלִיּוּת. וְאַחַר כָּךְ צָרִיךְ לְהַמְשִׁיךְ הַזִּכָּרוֹן בִּפְרָטִיּוּת, דְּהַיְנוּ שֶׁיַּגְדִּיל דַּעְתּוֹ בְּכָל מַחֲשָׁבָה, דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַזְמִין לוֹ בְּכָל יוֹם. לְהָבִין מֵהֶם הָרְמָזִים, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְרַמֵּז לוֹ עַל יָדָם לְהִתְקָרֵב אֵלָיו. כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְצַמְצֵם אֶת עַצְמוֹ מֵאֵין סוֹף עַד אֵין תַּכְלִית וּמְרַמֵּז לוֹ רְמָזִים בְּכָל יוֹם עַל־יְדֵי כָּל הַדְּבָרִים, שֶׁמַּזְמִין לוֹ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם. וְצָרִיךְ הָאָדָם לְהַגְדִּיל דַּעְתּוֹ בָּזֶה לִזְכֹּר בַּשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי כָּל מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַזְמִין לוֹ בְּכָל יוֹם, וּלְהָבִין מֵהֶם הָרְמָזִים לְהִתְקָרֵב אֵלָיו. אַךְ הַהַגְדָּלַת הַדַּעַת צָרִיךְ לִהְיוֹת בְּמִדָּה וְכוּ'", עכלה"ק שם.

[טז] שם בהמשך תורה קי"ב: "העיקר שהכל תלוי בו הוא אמת, לילך בדרך אמת לפי מדרגתו, כי 'חותמו של הקדוש ברוך הוא אמת' (שבת נה יומא סט), והוא יסוד הכל, כי אמת הוא ראש תוך סוף. וכיון שהוא במדריגת אמת, אזי כביכול נתלבש

"וכיון שה' אור לו, קען ער געפינען אסאך טירן ארויסצוגיין פונעם חושך". דער רבי רעדט דאך פריער פון אזעלכע וואס זענען געליגן אין חושך, אין עבירות ח"ו, (זיי זענען נמשך געווארן) נאך די סטרא אחרא, ליגט ער דאך אין א חושך און ער זעהט נישט ווי ארויס(צוגיין).

דער רבי רעדט ווייטער[יח], פון איינער אז ער פאלט אריין אין א פינסטערן קעלער, זעהט ער נישט ווי (מען גייט) ארויס; אז ער ליגט אין חושך און ער זעהט נישט - ווי זאל ער ארויס? - ער זעהט דאך נישט קיין טיר ווי ער זאל ארויס!

בשעת ער איז געווען אינדרויסן, האט ער נאך געזעהן דעם חושך אריינצופאלן, אבער אז ער ליגט שוין אין דעם חושך, ווי קען ער ארויס? ווי קען ער דארט ארויס?

- זאגט דער רבי: באמת איז דארטן יא דא אסאך טירן, ווארום אז ער איז אריין, קען ער דאך ארויס אויך - עס שטייט דאך 'פותחין לו' - איז דאך דא טירן, נאר וואס דען? אז ער איז אריין דארטן, זעהט ער נישט קיין טיר. איז ווער קען אים דארטן מאכן לעכטיג? נאר דער 'אור אמת'!

אז ער איז דארטן, ווערט ער ביי זיך צובראכן, און הייבט זיך אן ציען צו א אור אמת - און דאס ווערט א ליכטיקייט! אין דעם גרעסטן חושך איז דארטן דא דער אור - דער אור אמת!

באמת איז דארטן יא דא טירן - (כמ"ש:) "פותחין לו" - (איז דאך טייטש) איז דאך יא דא טירן, קען ער דאך ארויס אויך - נאר "הכסיל בחושך הולך", ער ליגט שוין אין דעם חושך, און ער זעהט נישט די טירן ארויסצוגיין, ער איז דארטן צוגעבינדן ביז ער וועט

---

בו אור השם יתברך בעצמו, אשר חותמו אמת, ואז נאמר עליו: "ה' אורי וישעי" (תהלים קלט). וכיון שה' אור לו, יוכל למצא פתחים הרבה לצאת מהחשך והגלות שהוא סגור שם".

[יח] שם בהמשך, וזל"ש: "כי באמת יש שם פתחים הרבה, כמו שאמרו רבותינו, זכרונם לברכה (יומא לח: מנחות כט:): 'הבא לטמא פותחין לו, יש לו פתחים הרבה' (עיין שבת ק"ד תד"ה אית). וכיון שנמצא שם פתחים, היה יכולת לצאת. רק הכסיל בחושך הולך (קהלת ב), ולא יראה הפתחים לצאת, והוא אסור וקשור שם, ולא יתנו לו לצאת. עד אשר יזכה לדבר דיבורי אמת לפני ה', אזי הדיבורים מאירים, וה' אור לו כנ"ל. ואזי: "פתח דבריך יאיר מבין פתיים" (תהלים קי"ט). כי הדיבורים המאירים, הינו דיבורי אמת כנ"ל, הם מראין לו הפתח. והיינו דסיים: 'מבין פתיים', כי הפתיים הנתונין בחשך, ולא יראו לצאת, יבינו ויראו הפתח לצאת מהחושך, כמו שכתוב (ישעיה מ"ט): "לאמר לאסורים צאו לאשר בחשך הגלו". אך צריך שיהיה האמת, אמת גמור ברור וצלול בלי שום דופי".

זוכה זיין רעדן א דיבור אמת פאר'ן אויבערשטן וואס דאס איז די ליכטיקייט וואס אט די דיבורים וועלן אים לייכטן - והשם אור לו.

דאס איז דאך א געוואלדיגער עצה, א געוואלדיגער התחזקות, א דיבור אמת - דאס איז א לעכטיקייט![יט]

❖

## אפילו בתוך הלאווקע

נאכדעם איז דא א חילוק (בהדיבור האמת) פון א 'חלון' ביז אן 'אבן טוב' - אבער דאס איז א לעכטיגקייט, דאס לייכט אים. מענטשן זענען ארומגענומען מיט אזעלכע בלבולים אז ער קען נישט (זיך פארשטעלן) 'ווי זאל איך ארוים? איך ווייס נישט - פון וואנעט זאל איך ארוים? איך זעה נישט ווי איך זאל ארוים?' - רעד א דיבור צום אויבערשטן מיט אן אמת, מיט אן אמת, מיט א בושה, וועט דיר ווערן לעכטיג!

אה - עס וועט דיר ווערן פרייליך, דו וועסט קענען ארוים!

דער עיקר איז - ווייל ער ליגט אין א יאוש, ער ליגט אין א יאוש (ע"כ נדמה לו, ואומר:) ווי קען איך ארוים?!

ר' נתן איז געווען דארטן אין (בארדיטשוב), שרייבט ער אין א מכתב[כ]: אז ער האט געזעהן די גאנצע וועלט (שצועקין במר על התרחקותם), נאר וואס דען, זיי ליגן אין א יאוש,

---

[יט] עיי"ש בסוף התורה, מה שכותב מוהרנ"ת זצ"ל מה ששמע מרבינו אחר אמירת התורה: "ואמר לי אז, שעל ידי עצה זאת יכולין להיות איש כשר באמת כל ימי חייו. כי תמיד איך שהוא יכולין להחיות את עצמו ולהחזיק את עצמו על ידי זה, על ידי האמת שהוא אור השם יתברך בעצמו, אשר "גם כל חשך לא יחשיך ממנו". כי אין שום טומאה וסטרא אחרא בעולם, שלא יהיה שם פתחים לצאת משם. רק שאין רואין אותן, מחמת גודל החשכות שיש שם. אבל על ידי האמת, מאיר לו השם יתברך בעצמו, ויזכה לראות ולמצא פתח תקוה גם בעמק נפילתו, לצאת מאפלה לאורה, ולהתקרב אליו יתברך באמת תמיד. אמן ואמן", עכלה"ק.

[כ] לכאורה כוונתו לעלים לתרופה מכתב ד"ש: "מָה אֲדַבֵּר. אִם אֲסַפֵּר לָכֶם מַה שֶּׁשּׁוֹמְעִין וְרוֹאִין כְּשֶׁעוֹבְרִין וְנוֹסְעִין בָּעוֹלָם יִקְצְרוּ הֲמוֹן יְרִיעוֹת. כִּי הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וּבִפְנִימִיּוּת לְבָבָם הַכֹּל צוֹעֲקִין בְּמַר נֶפֶשׁ מְאֹד מְאֹד עַל גֹּדֶל הִתְרַחֲקוּתָם מֵהַתַּכְלִית הַנִּצְחִי, אַךְ הֵם "כַּצִּפֳּרִים הָאֲחוּזוֹת בַּפַּח" וְכוּ'. וְהַשֶּׁטֶף מַיִם רַבִּים שֶׁל כָּל הַתַּאֲווֹת וְהַמִּדּוֹת, בִּפְרָט טִרְדַּת הַמָּמוֹן וְהַפַּרְנָסָה וְכוּ' הוֹלֵךְ וּמִתְגַּבֵּר בְּכָל עֵת. וְיוֹתֵר מִכֻּלָּם הַצָּרָה הַגְּדוֹלָה מֵהַכֹּל הוּא, מַה שֶּׁרֻבָּם נָפְלוּ בְּדַעְתָּם מְאֹד בְּיֵאוּשׁ גָּמוּר שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ עוֹד לַחֲשֹׁב עַל הַתַּכְלִית כָּרָאוּי, וְאִי אֶפְשָׁר לְהַגְבִּיהוֹ מִכַּמָּה טְעָמִים. וְהָעִקָּר מֵחֲמַת הַמַּחֲלֹקֶת הַגְּדוֹלָה אֲשֶׁר עָלֵינוּ וְכוּ', שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים מֵחֲמַת זֶה לְקַבֵּל וְלִינֹק צוּף דְּבַשׁ אִמְרֵי נֹעַם שֶׁל אֲמָרוֹת טְהוֹרוֹת וְכוּ' שֶׁמְּחַיֶּה וּמֵשִׁיב כָּל הַנְּפָשׁוֹת הַנְּפוּלוֹת. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּהַתּוֹרָה תִּקְעוּ אֱמוּנָה סִימָן ה' לִקּוּטֵי תִּנְיָנָא. וְעַתָּה תִּזְכְּרוּ הֵיטֵב הֵיטֵב חַסְדֵי ה' וְנִפְלְאוֹתָיו

**זיי ליגן אין א יאוש. דעם רבי'נס דיבורים דאס מאכט אים לעבעדיג, דאס שטארקט אים - זיי דיך נישט מייאש!**

**אפילו ווען מען רעדט מיט אים** (הוא אומר:) **'נו, וואס קען איך טאן?!' - ער ליגט אין א יאוש! איז ער א סוחר - 'ווי קען איך? איך בין דאך פארנומען, איך קען דאך נישט, איך וויל לערנען'!**

**- איי, ווען דער סוחר זאל ווען וויסן, אז ווען ער זיצט אין קלייט קען ער אויך אויפהייבן די אויגן צום אויבערשטן מיט אן אמת און געבן א קרעכץ צום אויבערשטן, רעדן א דיבור אמת! - צו דעם דארף מען אנקומען אהער הערן די דיבורים, אז אין קלייט קענסטו אויך רעדן א דיבור אמת צום אויבערשטן, ממילא ביסטו דאך שוין נישט אין דעם** (יאוש) **- איז דיר שוין לעכטיג!**

(ר' נחמן בורשטיין: אפילו בתוך הלאווקע![כא]) **יא, לאווקע איז א קלייטל** (געשעפט)**. אין אוקריינא רופט מען א קלייטל: 'לאווקע'. אין די קלייטל קען ער רעדן א דיבור אמת צום אויבערשטן!**

(רנ"ב: עם שטייט אין די מכתבים - ער שרייבט דאס צו ר' אברהם בער'ניו'ן) **צו ווען ער שרייבט דאס - אין די קלייט קענסטו אויך אויפהייבן די אויגן צום אויבערשטן!**

**עס איז דאך א געוואלד - מיר האבן דאך א מתנה פון דעם רבי'ן, אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן - "שאו מרום עיניכם" - מיט א מין בענקאכטס צום אויבערשטן!**

---

אֲשֶׁר עָשָׂה עִמָּנוּ, כִּי עֲדַיִן אֵינְכֶם יוֹדְעִים עַד הֵיכָן צְרִיכִין לְהִתְחַזֵּק וּכְמוֹ שֶׁצָּעַק אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זַ"ל בְּקוֹל עָמֹק וְחָזָק "גִּיוַואלְד זַייט אַייךְ נִיט מְיָאֵשׁ. קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָּאר נִיט פַאר הַאנְדִין". וְהָעִקָּר לְהִתְחַזֵּק בְּשִׂמְחָה עַל פִּי כָּל הַדְּרָכִים שֶׁשְּׁמַעְתֶּם, וַה' יִהְיֶה בְּעֶזְרְכֶם, נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ".

[כא] עי' עלים לתרופה מכתב צ"ד: אֲהוּבִי רַבִּי אֶפְרַיִם זְכֹר אֶת בּוֹרַאֲךָ גַּם בְּתוֹךְ הַחֲנוּת, וַאֲפִלּוּ בְּתוֹךְ הַלָּאווְקֶי בִּלְשׁוֹן רוּסְיָה, וְאַל יִהְיוּ בְּעֵינֶיךָ כִּישָׁנִים דִּבְרֵי אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זַ"ל שֶׁאָמַר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן לג) שֶׁבְּכָל לְשׁוֹנוֹת הַגּוֹיִים יֵשׁ אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה וְכוּ', כִּי טַ"ט בְּכַתְפֵּי שְׁתַּיִם וְכוּ', וּמִשָּׁם אַתָּה יָכוֹל לְדַבֵּק אֶת עַצְמְךָ בּוֹ יִתְבָּרַךְ. כִּי בְּוַדַּאי לֹא בָּאתָ לְמִדָּה זוֹ, שֶׁתֵּשֵׁב בַּחֲנוּת כָּל הַיּוֹם, כִּי אִם כְּדֵי שֶׁתִּזְכֹּר זֹאת הֵיטֵב בְּכָל יוֹם, כִּי אִישׁ גַּם שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ מִזֶּה כְּלוּם, בְּוַדַּאי אֵינוֹ חוֹשֵׁב זֹאת, וְיוֹשְׁבֵי אֹהֶל בֵּית הַמִּדְרָשׁ כָּל הַיּוֹם, אֵינָם צְרִיכִים לָזֶה כָּל כָּךְ בְּזֶה הָאֹפֶן. וּמֵאַחַר שֶׁאַתָּה בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיּוֹשְׁבֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ שֶׁל אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זַ"ל, וְאַתָּה מֻכְרָח לָצֵאת לַחוּץ בְּכָל יוֹם, עַל כָּל פָּנִים תְּקַיֵּם "שְׂמַח זְבוּלֻן בְּצֵאתֶךָ", וּלְרַקֵּד בְּכָל יוֹם בְּמַחֲשָׁבָה אוֹ בְּמַעֲשֶׂה, עַל יְדֵי שֶׁתִּזְכֹּר בַּדְּבָרִים הַנַּ"ל כָּאֵלֶּה וְכָאֵלֶּה וְכוּ' וְכוּ'. וְאָז טוֹב לְךָ לָנֶצַח. דִּבְרֵי אוֹהַבְךָ בֶּאֱמֶת. נָתָן הַנַּ"ל.

- ממש אן ענין אחר לגמרי ווערט דאך שוין. עס ווערט דאך גאר אן ענין אחר לגמרי מיט איין רגע וואס ער הייבט אויף די אויגן צום אויבערשטן, עס ווערט אים שוין לעכטיג!

אז א מענטש וואס אזוי איז ער אין דעם משא ומתן - און אלעס, און ער הייבט אויך אויף די אויגן צום אויבערשטן - דאס איז אלץ כלול אין דעם רבי'נס (דיבור): "זייט זיך נישט מייאש"! וואו נאר דו ביסט - הויב אויף די אויגן צום אויבערשטן!

(השואל: פארוואס דארף מען האבן א דיבור, פארוואס איז נישט גענוג מיט א מחשבה פון 'שאו מרום עיניכם'?) דער רבי זאגט אין א תורה: אז דער דיבור איז די 'כלי השפע' (עי' הערה[כב]).

אז א מענטש איז נישט געזונט און ער בעט דעם אויבערשטן - פארוואס דארף ער בעטן דעם אויבערשטן? נאר איידער ער בעט דעם אויבערשטן, מוז זיין אזוי ווי עס איז - אז ער בעט, מאכט ער אנדערע כלים.

דער רבי טייטשט[כג] דארט ווייטער איין די רש"י: "יש אומרים" - 'אמרי אמת'. עס איז דאך א געוואלדיגער טייטש: "יש אומרים" - א טייל זאגן אמרי אמת וואס עס איז א 'חלון' - און "יש אומרים" אמרי אמת - וואס עס איז אן 'אבן טוב'.

דאס איז דאך אלץ אין דעם "אומרים", אין דער זאגן דעם דיבור - דאס איז דער כח, דאס מאכט דער כלי מקבל צו זיין די שפע.

❖

[כב] ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ד, אות ג', וזל"ש: "לכאורה קשה, למה אנו צריכין לתפלה, והשם יתברך יודע מחשבות? אבל מחמת שהדיבור הוא כלי השפע, שבהם מקבלין השפע. כמו שכתוב (דברים א'): "ויברך אתכם כאשר דיבר לכם", היינו לפי הדיבור כן השפע. אם הדיבור היינו הכלי השפע הוא בשלימות ובמלואה, אזי יכולין לקבל בהם רוב שפע".

[כג] שם בהמשך התורה בסי' קי"ב, וזל"ש: "ויש בזה כמה מדריגות (בהאמת)... והיינו דכתיב צהר תעשה לתבה, כלומר שתדבר דיבורי אמת המאירים. ועל זה פירש רש"י יש אומרים אבן טוב וכו' ויש אומרים חלון, זהו שאמרנו כי יש שתי מדריגות, מי שהוא במדריגת אמת האמיתי, הוא מאיר בעצמו. וזה יש אומרים אמרי אמת, שהם אבן טוב שמאיר מעצמו. ויש אומרים שהם אמרי אמת, אך לא במדריגה הנ"ל והם חלון, כי יוכל אחר להאיר בו כמו בחלון. כי זה החלוק שבין אבן טוב לחלון, כי האבן טוב מאיר מעצמו, והחלון אין מאיר מעצמו, רק שדבר אחר כגון השמש וכיוצא בה יוכל להאיר בו".

# אין שום דיבור נאבד!

(מדברים בענין המבואר בסימן קי"ב וזל"ש: "ומחמת שאי אפשר לו להוציא דיבור לפני אלקים בדחילו ורחימו וחיות כראוי, לכן כל הדיבורים והתפילות שהוא מדבר לא יוכלו לבקע המחיצות והמסכים המבדילים לעלות למעלה, ונשארים למטה תחת המסכים. עד אשר יזכה וישוב באמת, וידבר דיבורים הראויין להתקבל בדחילו ורחימו מעמקא דלבא בהתעוררות גדול, אזי מבקע הדיבור המאיר את כל המחיצות והמסכים המבדילים, ויעלו עמו כל הדיבורים שהיו מונחים למטה עד הנה", וכו')

(רנ"ב: דער קב הישר ברענגט[כד] פון דעם זוהר, אז עס איז פאראן אויבן א היכל למעלה - און אלע תפילות וואס האבן אן עירבוב פון מחשבות זרות, גייען אריין אין דעם היכל!) **דער זוהר איז אין פקודי.**

**די תפילות בלייבן ליגן אין דעם היכל ביז ער וועט רעדן צום אויבערשטן א דיבור באהבה ויראה, דאן וועט עס מיטנעמען אלע תפילות.**

**- דא זאגט אויך דער רבי אזוי: "ונשארים למטה תחת המסכים עד אשר יזכה וישוב באמת"** (וכו').

(הנוכחים: די תפילה וואס עס איז נישט מיט קיין אמת, איז נישט בוקע המחיצות - אזוי זאגט דער רבי!) **אבער ער ווערט נישט פארפאלן.**

(מתחיל ללמוד בפנים בזוהר בפקודי דף רמ"ה ע"ב): **"ואי צלותא דיחיד, סלקא עד דמטי לפתחא דהיכלא דא, דהאי ממנא קיימא ביה. אי יאה ההיא צלותא לאעלה קמי מלכא קדישא" - דאס הייסט א שיינע תפילה - גייט עס ארויף שוין "מיד פתח פתחא, ואעיל לה" - עס גייט ארויף.**

**"ואי לא יאה" - אז זי איז נישט שיין - די תפילה, "דחי לה לבר, ונחתא ואתשטיא בעלמא, וקיימא גו רקיעא תתאה, מאינון רקיעין דלתתא דמדברי גו עלמא".**

**"ובההוא רקיעא, קיימא חד ממנא" - אין דעם רקיע איז דא איין ממונה - דארטן די נאמען זיינער - און ער איז ממונה "על האי רקיעא - און ער נעמט די אלע צלותין דאתדחיין וואס זיי ווערן אנגערופן: צלותי פסולין" - פסול'ע תפילות, "און ער פארבאהאלט זיי דארטן אין דעם רקיע, עד דתב ההוא בר נש" - ביז דער מענטש קערט זיך אום צום אויבערשטן.**

---

[כד] פרק ח, עיי"ש.

"אי תב לגבי מאריה כדקא יאות און ער בעט שוין א צלותא אחרא זכאה, דעמאלט, ההיא צלותא כד סלקא, נעמט דער ממונה, די צלותא, און (שיקט איר) ארויף אויבן און זי באגעגנט אין די אלע תפילות פון פריער און גייען ארויף צוזאמען מיט די תפילה"!

עס איז דארטן דא א היכל און א מלאך וואס איז ממונה דערויף. דארטן איז דא דער דיבור פון דעם רבי'ן: "קיין שום דיבור ווערט נישט פארפאלן!"[כה] - אז עס גייט נישט ארויף? אבער עס ליגט! עס ליגט!

❖

## והמשכיל המבין

ווייטער זאגט דער רבי דא[כו]: "המשכיל המבין זאל ער בעטן אלע יארן כאטש צו רעדן איין דיבור אמת פאר'ן אויבערשטן!" ווארום דער דיבור אמת וועט מיטנעמען מיט זיך אלע תפילות!

(רנ"ב: ווייזט אויס אז אין יעדן זאך איז אזוי; אין צדקה - און אזוי אין אלע סארטן עבודות!) יעדע זאך וואס דער מענטש טוט, דארף ער בעטן דעם אויבערשטן אז ער זאל זיך האלטן, ער זאל זיך ציען צום אמת!

---

[כה] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ב' (ע"פ קיצר ליקו"מ), מש"ש: "אִם הָאָדָם מַרְבֶּה בִּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת יָמִים וְשָׁנִים הַרְבֵּה, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן הוּא רוֹאֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כְּמַסְתִּיר פָּנִים מִמֶּנּוּ חַס וְשָׁלוֹם, אַל יִטְעֶה חַס וְשָׁלוֹם שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ תְּפִלּוֹתָיו וְשִׂיחוֹתָיו כְּלָל, רַק יַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ וּמַאֲזִין וּמַקְשִׁיב כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁל כָּל תְּפִלָּה וּתְחִנָּה וְשִׂיחָה, וְאֵין שׁוּם דִּבּוּר נֶאֱבָד חַס וְשָׁלוֹם. רַק כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר עוֹשֶׂה רֹשֶׁם לְמַעְלָה מְעַט מְעַט וּמְעוֹרֵר רַחֲמָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל פַּעַם, אַךְ עֲדַיִן לֹא נִגְמַר הַבִּנְיָן דִּקְדֻשָּׁה שֶׁהוּא צָרִיךְ לִכְנֹס בּוֹ, וּבְרִבּוּת הַיָּמִים וְהַשָּׁנִים אִם לֹא יִהְיֶה טִפֵּשׁ וְלֹא יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ בְּשׁוּם אֹפֶן בָּעוֹלָם, וְיִתְגַּבֵּר וְיִתְחַזֵּק וְיִתְאַמֵּץ בִּתְפִלָּה יוֹתֵר וְיוֹתֵר, אֲזַי עַל־יְדֵי רִבּוּי הַתְּפִלּוֹת יִכָּמְרוּ רַחֲמָיו יִתְבָּרַךְ, עַד שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יִפְנֶה אֵלָיו וְיָאִיר לוֹ פָּנָיו וִימַלֵּא חֶפְצוֹ וּרְצוֹנוֹ בְּכֹחַ הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים, וִיקָרְבֵהוּ בְּרַחֲמִים וּבְחֶמְלָה גְּדוֹלָה".

[כו] שם בהמשך סי' קי"ב, וז"ל: "והמשכיל המבין יש לו להתפלל כל ימיו, שיזכה פעם אחד כל ימי חייו, לדבר דיבור אחד של אמת לפני ה' כראוי!".

אז מען גייט אין גאס - איך קען גיין אין גאס - ווי זאגט שלמה המלך[כז]: "וְגַם בַּדֶּרֶךְ כְּשֶׁהַסָּכָל הֹלֵךְ, לִבּוֹ חָסֵר, וְאָמַר לַכֹּל סָכָל הוּא"; און אן אנדערער גייט - ממש אזוי ווי דער רבי ברענגט דארטן[כח] - דער פילט אלע ש"י עולמות - און דער רח"ל...

למשל: אז איך גיי אין גאס און איך טראכט פונעם אויבערשטן, איז שוין גאר עפעס אנדערש, און אזוי אין שטוב אויך.

דער חיוב איז דאך טאקע: "בשבתך בביתך, ובלכתך בדרך, ובשכבך ובקומך" - און בפועל ממש. 'ובלכתך בדרך' - איך גיי אין וועג און איך האב נישט קיין שול, מען האלט מיט זיך א ספר, אבער עס איז דאך נישט נאר (אזוי) [דאס] - דער עיקר איז דאך נאר אז דער אויבערשטער העלפט אז דער געדאנק איז מקושר צום אויבערשטן, ער לאזט נישט אפ דעם געדאנק.

ר' נתן זאגט טאקע אין א הלכה[כט]: "אם פגע לך מנוול זה משכהו לבית המדרש" - זאגט רבי נתן: "משכהו" - 'מחשבתך' - 'צי אריין דיין מחשבה אין בית מדרש אריין', מאך א בית מדרש ביי זיך.

אז ער איז גאר אויפן וועג - וואו האב איך א בית מדרש? משכהו מחשבתך לבית המדרש, ווערט דא שוין א בית מדרש!

❖

## מעלת השתוקקות להשי"ת

דער רבי זאגט אין תורה ל"א[ל] - ער רעדט דארט דער ענין פון כיסופין און השתוקקות אז דאס מאכט נקודות - "נקודות הכסף", פון כיסופין ווערט נקודות; ווארום אן

---

[כז] קהלת י, ג.

[כח] ליקוטי מוהר"ן סי' קצ"א: "דע שאפשר שישב אחד אצל חבירו במקום אחד בגן עדן, ולזה יהיו כל התענוגים והשעשועים וכל הש"י עולמות, וחבירו לא ירגיש כלום ולא יהיה לו שום תענוג" וכו', עיי"ש.

[כט] הל' מנחה ה"ז, אות ס"ה: "וזהו אם פגע בך, לשון פגע רע שהוא פוגע נגד האדם בכל עת, שעל זה אנו מבקשים להצילנו מפגע רע. ועיקר התיקון הוא משכהו לבית המדרש, ושימשיך מחשבתו לתוך בית המדרש הקדוש הנ"ל".

[ל] וזל"ש: זיווגן והצטרפותן של האותיות הוא על ידי הנקודות, כי הנקודות הם החיות והתנועה של האותיות. ובלי הנקודות האותיות הם כגולם, ואין בהם שום תנועה. ועל כן הנקודות הם בחינת נפש, כי כמו שהנפש הוא חיות האדם, וכל תנועה שאדם מתנועע, הכל הוא על ידי הנפש, ובלתי הנפש הוא כגולם, כן הנקודות הם החיות והנפש של האותיות, ובלי

נקודות, זאגט דער רבי, קען מען בשום אופן נישט מצרף זיין קיין צוויי אותיות; למשל - א' און ב' - אז איך האב א נקודה, קען עס מאכן אָב - און עס קען מאכן באֹ - קום, עס קען זיך רירן מיט די נקודות; אבער אז איך האב נישט קיין נקודות - קען איך נישט בשום אופן מצרף זיין קיין צוויי אותיות, וואס זאל איך מאכן פון צוויי אותיות?!

אז איך האב א ג' מיט א נ' - אז איך האב א פתח, איז עס גַן - מאך איך דערפון א צירוף! איך מוז האבן א נקודה, נקודות מאכט א צירוף פון די אותיות.

זאגט דער רבי דארטן: פון וואס ווערט די נקודות? עס ווערט דורך כיסופין! 'נקודות הכסף', פון כיסופין ווערט די נקודות!

שפעטער זאגט דער רבי דארטן[לא], אז מען דארף טאקע ארויסרעדן מיט מויל (די כיסופין): "ודע שלא די לאדם בהשתוקקות בלב בלבד" - עס איז נישט גענוג, "כי צריך האדם להוציא בשפתיו כיסופיו" - ער זאל ארויסרעדן מיטן מויל זיינע כיסופין, וואס דערויף איז (נתתקן) געווארן דער סדר התפילות, "כי על ידי השתוקקות בלב נעשה נפש ונקודות בכח, און אז ער רעדט דאס ארוים בפיו, ווערט דער נפש בפועל", וכו'; די השתוקקות בלב איז אבער אויך זייער גוט!

ווייטער זאגט דער רבי דא[לב]: אז 'האבן א השתוקקות צום אויבערשטן' איז נאר דורך דער ענין פון שמירת הברית, ער גייט ארום מיט א השתוקקות צום אויבערשטן, מיט א בענקאכטס צום אויבערשטן!

---

הנקודות הם כגולם, ואין להם שום תנועה וחיות. רק על ידי הנקודות הם מתנועעין, ועל ידי הנקודות נזדווגין ונצטרפין האותיות. ועיקר התהוות הנפש, הוא על ידי ההשתוקקות והכיסופין של איש ישראל אחר השם יתברך. כל אחד לפי מדרגתו שהוא נכסף ומשתוקק ומתגעגע להגיע אל מדרגה למעלה ממנה, על ידי הכיסופין אלו נעשה נפש..."

"וזה בחינת (שיר השירים א'): "נקודות הכסף", היינו שעל ידי הכיסופין נעשין הנקודות, שהם בחינת נפש. היינו שעל ידי מה שהוא נכסף ומשתוקק לדבר, אם לטוב או לרע, חס ושלום, אזי לפי הכיסופין נעשו נקודות, ונצטיירין האותיות שבתוך הדבר שהוא נכסף. כי כל דבר יש לו אותיות, אך שהאותיות בעצמן הם כגולם, ואין להם שום ציור בלי נקודות. ולפי הכיסופין וההשתוקקות של האדם, כך נצטיירין האותיות על ידי הנקודות שהם בחינת נפש שמקבלין על ידי הכיסופין. היינו אם הוא נכסף לדבר טוב, נעשה מהכיסופין נפש קדושה. ונעשים נקודות, בחינת "נקודות הכסף". ואזי נצטיירו האותיות שהיו כגולם, ונעשים כלי לקבל טוב. וכן להפך, ח"ו, אם נכסף לרע, ח"ו, נעשים מהכסופין נפשות שהם בחינת נקודות, ונצטירו האותיות ונעשים כלי לקבל רע, חס ושלום".

[לא] שם בסי' ל"א, אות ז'.

[לב] וז"ל ע"פ קיצור ליקוטי מוהר"ן, אות י': "וְעַל־יְדֵי שְׁמִירַת הַבְּרִית כַּנַּ"ל, נִתְגַּלֶּה חֶסֶד בְּפֻמָּא דְאַמָּה (זֹהַר־הַקָּדוֹשׁ חֵלֶק ג קמ"ב.), וְחֶסֶד הַיְנוּ אַהֲבָה וְהִשְׁתּוֹקְקוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכִסּוּפִין טוֹבִים, שֶׁהִיא דָּבָר יָקָר מְאֹד! כִּי עַל־יְדֵי־זֶה עוֹשֶׂה נְפָשׁוֹת,

די וואס זענען זוכה, גייען זיי ארום מיט אן אהבה צום אויבערשטן, דאס הארץ בענקט אים צום אויבערשטן, זיי זענען זוכה צו א השתוקקות צום אויבערשטן!

מיר האבן דאס געזעהן, ברוך השם, אזעלכע ווי ר' מתתי' - תמיד ארומגעגאנגען מיט אזא מין השתוקקות צום אויבערשטן, אזוי געבענקט צום אויבערשטן. דער וואס איז טאקע אן ערליכער איד, האט ער א בענקאכטס צום אויבערשטן, א השתוקקות צום אויבערשטן, ער בענקט צום אויבערשטן, דאס איז אינגאנצן זיין חיות, ער בענקט צום אויבערשטן, ער האט נישט קיין שום אנדערע דביקות, ער האט נישט קיין דביקות צו קיין שום תאוות!

ווען קען מען האבן א דביקות צום אויבערשטן? - וואס דער מענטש האט אלץ אן אנדערן דביקות, אן אנדערן התחברות - איז ווען עס קומט צו דביקות צום אויבערשטן, האקט עס אפ, ווייל עס מישט זיך אריין אן אנדערע דביקות אויך; אבער אז ער האט נאר א דביקות צום אויבערשטן אליין, איז נישטא קיין שום זאך וואס עס זאל אים אפהאקן, ווער איז אים מונע? קיין שום זאך האקט אים נישט אפ!

די צדיקים - דער וועלט איז נישט קיין שום מונע פאר זיי; דער וועלט איז דאך א מונע פאר אנדערע; דער וועלט איז דאך א דביקות פון תענוגים מיט תאוות, איז דאך עס א מונע - אבער עס איז נאר א מונע פאר דער וואס ער וויל עס.

- פאר דער וואס יאגט נאך איר איז עס א מונע צו תפילה, א מונע צו תורה, א מונע צום אויבערשטן; אבער דער וואס איז דא אין דער וועלט - און ער איז ווייט פון זיי, ווער איז אים א מונע? עס קומט צו א זאך (בעבודת השם), דאס איז אינגאנצן זיין חיות, קיינער איז אים נישט קיין מונע!

דער רבי ר' אלימלך האט געזאגט טאקע: אינגאנצן זיין עבודה איז, אז לעתיד זאל ער נישט האבן קיין שום מונע צום אויבערשטן![לג] - עפעס א מין לשון דארטן: קיין

---

הַיְנוּ שֶׁעוֹשֶׂה נְקֻדּוֹת לְאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה בִּבְחִינַת נְקֻדּוֹת הַכֶּסֶף. הַיְנוּ שֶׁעַל־יְדֵי הַכִּסּוּפִין נַעֲשִׂין הַנְּקֻדּוֹת שֶׁהֵם בְּחִינַת נֶפֶשׁ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי" (תְּהִלִּים פד, ג), הַיְנוּ מַה שֶּׁאֲנִי נִכְסָף וְכָלֶה אַחַר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מִזֶּה בְּעַצְמוֹ נַעֲשָׂה נַפְשִׁי".

[לג] עי' בספרו הק' נועם אלימלך סו"פ בשלח, ד"ה זכור את אשר לך עמלק. וז"ל שם: "והיה בהניח ה' מכל אויביך מסביב, פירוש דאויבים של אדם הם עוונותיו, וצריך האדם לשוב להבורא ברוך הוא למען ינוח ויסלק את אויביו מעליו, שלא יבואו ביום פקודתו ולא יניחו אותו לבא לגן עדן, כי הם המסבבים הגן עדן, כמ"ש וישכן מקדם לגן עדן

שום זאך זאל אים נישט מונע זיין, ער זאל קענען גיין גלייך, ער זאל נישט האבן קיין שום מחיצה! דער רבי ר' אלימלך.

דער צדיק אז ער זאגט א דיבור, רעדט ער דאס פאר זיך - און ער רעדט דאס פאר יעדן איינעם אויך: דער מענטש דארף משתוקק זיין אז די אלע תענוגים זאלן אים נישט מונע זיין, עס זאל אים נישט מונע זיין פון דאווענען, מונע זיין פון לערנען, עס זאל אים נישט מונע זיין פון מצוות און מעשים טובים, ווער שמועסט פון לעתיד - אוודאי אזוי, דאס דארף ער וועלן!

דער רבי ר' אלימלך האט דאס גערעדט אין זיין בחינה, אבער מיר דארפן דאס רעדן יעדער אין זיין זאך - אז א צדיק רעדט א דיבור, רעדט ער דאס פאר אלעמען, פון דעם קלענסטן - כקטן כגדול; נאר וואס דען, מען דארף נישט לאזן זיך נארן; אבער דער דיבור איז געזאגט געווארן פאר מיר אויך - און פאר דעם גרעסטן צדיק אויך!

❖

## דארט וועט ער האבן א שיינעם לויה

דער רבי דערציילט אין די ערשטע מעשה פון די ז' בעטלערס[לד], ער האט געזאגט דארטן צו זיי (דער אדלער): "הערט אויף זיין ארימעלייט, הייבט אן נוצן מיט אייערע **אוצרות!**"

- "הערט אויף זיין ארימעלייט" - דאס זאגט מען צו אונז אויך: 'וואס לעבט איר אזא ארעם לעבן? איר פארמאגט דאך אוצרות! נעמט ארויס די אוצרות און הייבט אייך אן באנוצן מיט די אוצרות! הערט אויף זיין ארימעלייט! לעבט עפעס א שיין לעבן!'

- מיר האבן געהאט א חסיד איינעם אין קיבליטש, איך האב שוין אמאל גערעדט פון אים, אן ארעמאן געוועזן, ער האט געהאנדלט מיט פעך, מיט זפת, יענער מסחר, פארן אויפן יריד, פארקויפן א פעסל זפת, אן ארימאן געוועזן.

את להט החרב המתהפכת. וכאשר תזכה לשוב בתשובה שלימה, והיה בהניח ה' וכו' מכל אויביך מסביב בארץ, פירוש שהיה סביב לארץ עליונה הוא הגן עדן".

[לד] מעשה י"ג בספה"ק סיפורי מעשיות, ביום הראשון מהבעטליר העיוור.

איך בין אריינגעקומען צו אים אין שטוב, ווינטער, די גאנצע פראסט איז געליגן אויף אלע ווענט, די שטוב איז פיל געווען מיט די פראסט, עס איז געווען שניי - אן ארעמאן, ער האט נישט געהאט צו הייצן, ער האט געהייסן: הערשקע.

האט דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער) מיר געזאגט: "גיי ארויס ביינאכט, וועסטו זעהן גאנץ קיבליטש איז פינסטער, און ביי הערשקע לייכט זיך"!

הערשקע זיצט און דינט דעם אויבערשטן!

אזוי קאלט, אזוי ממש ווי אין אן אייז קאסטן, א ריכטיגע מקרר (פרידשעדער) איז געווען די שטוב. ער האט נישט געהאט אנצוצינדן א לעמפעלע, האט ער אנגעצינדן א מין קעסטעלע מיט נעפט, נישט מיט קיין שמן - שמן האט ער נישט געהאט, נאר א קליין קארניצל פון נעפט - וואספארא לעכטיקייט איז דאס?! - און גיי וועסטו זעהן ווי ביי הערשקע לייכט; הערשקע דינט דעם אויבערשטן ביינאכט!

הערשקע איז נפטר געווארן דארטן, א לויה געווען, און ווער איז געווען? דריי מענטשן - 'הערשקע, א געשעפט? אן ארימאן, וואס א געשעפט האב איך מיט אים?'. זאגט מיר דער שווער: "דו זעהסט וואספארא לויה הערשקע האט? - אוי וועט ער דארטן (בעולם העליון) האבן א שיינעם לויה, דארטן וועט מען אים אנטקעגן גיין!".

אן ארימאן אן עובד השם מיט חצות, א געוואלד, דארטן וועט מען אים אנטקעגן גיין!

די פריערדיגע דורות זענען עפעס אזוי אדוק געווען אין דעם רבי'ן, די אמונה אין דעם רבי'ן איז געווען עפעס אזוי גרויס, אז ממש קיין שום זאך האט נישט מונע געווען!

דו קענסט זיך אויסמאלן א רוסישע פראסט? דער אויבערשטער זאל אפהיטן, א פראסט וואס אז מען גייט ארויס אינדרויסן ווערט פארפרוירן די נאז...

מען קען נישט גיין אינדרויסן, מען קען נישט רירן מיט די הענט - און אין שטוב איז אזוי ווי אינדרויסן, און ווי שלאפט דער מענטש? מיט וואס זאל ער זיך איינדעקן? ער איז דאך פארפרוירן, און וואס איז ביי אים דער טאג - און וואס איז ביי אים דער נאכט? (- כלומר אין לו שום הנאה בעולם הזה).

און די מקוה איז צובראכן - אין קיבליטש איז געווען א מקוה אן א דאך - אייז איז געליגן אין די מקוה. און דער איד דינט דעם אויבערשטן, דער איד שטייט אויף חצות און התבודדות, ער דינט דעם אויבערשטן - געוואלד!

ער איז דאך בוקע רקיעים - דער איד! עס איז דאך א געוואלד! און א פריילין אידל איז ער געווען - דער הערשקע, ער איז געווען תמיד פריילין, מיט א שמייכל, ממש "החכמה תחיה את בעליה", און וואס איז געווען זיין חיות? נאר אידישקייט איז געווען זיין חיות!

(רנ"ב: ער האט געוואוינט אין קיבליטש?) יא, אוודאי, ער איז געווען פון ר' פנחס קיבליטשערס מקורבים.

דער שווער איז אויך געווען אן ארעמאן - אן ארעמאן א גרויסער, אבער אזוי ווי הערשקע איז ער נישט געווען, אין שטוב דארטן האט מען געקענט האבן א בינטל שטרוי, איינהייצן, מאכן אביסל ווארעם.

ער איז געווען אן ארעמאן און אזוי ארעם, דער שווער האט אים גוט געקענט (ואמר לי:) "גיי ווערסטו זעהן גאנץ קיבליטש שלאפט - און ביי הערשקע'ן לייכט זיך אפ"! - ער שטייט און שאקלט זיך און דינט דעם אויבערשטן, ביינאכט אין די קעלט!

דער רבי האט אריינגעגעבן דער זאך: 'מען זאל זיין מקושר צום תכלית'! מען זאל אינזין האבן דעם תכלית, וואס האסטו צו ווערן אנגעזעצט? א געשעפט? - אז דער תכלית איז דאך גאר עפעס אנדערש - זיי פריילין און שוין!

די וועלט איז אים נישט קיין מונע, די וועלט איז נאר א מונע פאר דער וואס ער וויל זי און ער האט זי נישט, דעמאלט איז דער וועלט א מונע - אדער אז ער וויל און ער האט זי יא, איז אויך א מונע - אבער דער וואס ער וויל זי נישט און ער האט זיך גאר דערווייטערט, איז דאך אים גאר גוט, וואספארא מונע איז אים דער וועלט? איך האב דאך א שייכות מיטן אויבערשטן! אז עס איז קאלט, איז קאלט.

"הייתי ביום אכלני חורב"[לה] (וגו') זאגט דער זוהר הקדוש: אז 'יום ולילה' איז 'קיץ וחורף' - אז דער תורה זאגט אזוי - יעקב איז דאך די תורה: "הייתי ביום" - אז עס קומט דער זומער, ברענט די היץ - און אז עס קומט ווייטער ביינאכט - ווינטער - איז די

[לה] בראשית לא, מ.

קעלט. עס קומט זומער, מיינט מען אז זומער איז ערגער פון אלעס, ווינטער מיינט מען אז ווינטער איז ערגער פון אלעס. אבער דער תורה זאגט - אז דאס איז תורה: אזוי איז; זומער ברענט די היץ, ווינטער ברענט די קעלט - און איך בין פארט תורה.

❖

## חיים קצב - 'חיים שיש בו'

(ר' משה בינענשטאק: וויפיל תלמידים האט איר געקענט פון ר' פנחס קיבליטשערס מענטשן?) **איך האב געקענט עטליכע - נישט אסאך.**

(רמ"ב: דער שווער, מיט ר' חיים) ר' חיים[לו] - און אויך א קצב איז געווען - חיים קצב, איי איי, דער חיים קצב, עס איז דאך א געוואלד געווען: -

איינער איז געווען - ער האט געהייסן: חיים, א קצב - מען האט אים א נאמען געגעבן: 'חיים שיש בו' - ווייל אז ער האט אויפגעהויבן א פינגער האט ער געקענט יענעם הרג'נען, מיט א פינגער נישט מיט די האנט, ער איז געווען א גיבור, און א קצב יונג, עס איז געווען אין אים אלעס...

אז ר' פנחס קיבליטשער איז געווארן א ברסלב'ער חסיד האט מען געשיקט חיים קצב, אז ער זאל אים געבן א שנעל - א ריר און ער וועט אים אוועקלייגן.

דאס האט דער שווער דערציילט: -

עס איז געווען ביי שלש סעודות, ר' פנחס איז געזעצן דארט מיט זיינע מענטשן און גערעדט, ר' פנחס האט גערעדט. איז אריינגעקומען חיים - חיים איז דא, מען איז דערציטערט געווארן, דער חיים וועט אים געבן א ריר אן - און ר' פנחס איז א קראנקער מענטש געווען - ער וועט דאך אים אוועקלייגן.

ר' פנחס איז א חכם געווען, ער האט צוגערופן חיים'ען צו זיך, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן מיט אים אזעלכע גוטע רייד אז ער האט אים גלייך מקרב געווען, ער האט אים געמאכט פאר א ברסלב'ער חסיד.

---

[לו] ר' חיים קיבליטשער, ממקורביו של ר' פנחס מקיבליטש וחברו וידיד נפשו של ר' אהרן מקיבליטש. עני ואביון מרוד ועם זאת עובד ה' נלהב ולמדן גדול. נפטר בהיותו מעל לגיל ששים, בשנת תרפ"ב בערך. חתנו: ר' יצחק מבאבריניץ (גידוה"נ).

חיים איז ארייגעקומען אים שלאגן און ער האט אים שוין געמאכט פאר א ברסלב'ער חסיד...!

עס איז דא אסאך צו רעדן (וועגן אים).

דעם חיים האט איינער געגעבן א פאטש (לאחר שנתקרב) און ער האט נישט אפגעגעבן קריק. האט ער געזאגט אויף זיך: "חיים זאל מען געבן א פאטש און ער זאל נישט גיבן קריק?! דאס איז נאר דערפאר ווייל איך בין געווארן א ברסלב'ער חסיד!".

'מיר צו געבן א פאטש און איך זאל נישט געבן קריק? דאס קען נאר זיין ווייל איך בין שוין א ברסלב'ער חסיד!' ער האט שוין נישט די הענט! ער קען שוין נישט געבן קריק, עס גיבט זיך שוין נישט קריק!

איך האב דאך אים געקענט אויף דער עלטער, ער האט געהאט אזא מין אויסגעווייטנט פנים אז דער פנים איז געווען פיל אויסגעווייטנט פון טרערן! אזא מין לעכטיגע פנים געהאט.

ר' משה טשענסטכאווער[ל] ע"ה, פלעגט האלטן ביי אים זיין אכסניא (אצל חיים קצב), ער איז געווען א מכנים אורח. האט ער מיר דערציילט, אז ביינאכט האט ער די (ליקוטי) תפילות אויסגעגאסן מיט טרערן, מען האט גארנישט געקענט קוקן אויף די תפילות (מרוב לכלוך הדמעות), אויסגעווייטנטע טרערן, דער חיים קצב!

דאס קען נאר דער רבי מאכן; אזא מין יונג - און מאכן פאר אזא מין כלי! ער איז געשטארבן אין אן אלט הויז - אין הייסין.

איך פלעג דאווענען אין קיבליטש נעבן אים, ער האט יעדן שמונה עשרה אויסגעגאסן מיט טרערן, אויסגעגאסן מיט טרערן יעדן שמונה עשרה, ער האט געהאט א שיין פנים, אזוי ווי מען גייט ארויס פון א מרחץ.

דאס קען נאר די פאבריק מאכן פון א חיים קצב, חיים שיש בו - "חיים שיש בו יראת שמים ויראת חטא" איז געווארן!

---

[ל] היה גיסו של רלוי"צ, חתנו של רבי אהרן מקיבליטש.

(רנ"ב: דאכט זיך אז ר' פנחס האט פאר חיים'ען אנגעהויבן צו זאגן: 'מען זאגט אויף דיר אז דו ביסט פון די מענטשן וואס טראכטן פון תכלית' - ניין?) ער האט גערעדט מיט אים דיבורים, ר' פנחס האט גערעדט מיט אים דיבורים!

## וועלוול שייגעץ

איך בין געפארן מיט איינעם מיט א פירל צו דער באן, צוגעפארן, קען זיין גאר קיין אומאן, יענעם האט מען גערופן 'וועלוול שייגעץ' - דערציילט ער מיר אויפן וועג: "איך בין געווען פון ר' פנחס'עס מענטשן, נאר איך בין אוועק פון אים, דערפאר רופט מען מיך 'וועלוול שייגעץ', ווען איך זאל ווען בלייבן ביי ר' פנחס'ן וואלט מען מיך נישט גערופן: 'וועלוול שייגעץ'".

דו זעהסט דאך - דיין שווער איז געבליבן און ר' חיים איז געבליבן; זיי רופט מען נישט 'שייגעץ' - און מיך רופט מען 'שייגעץ', ווייל איך בין אוועק פון ר' פנחס'ן.

(רנ"ב: יענער איז אויך געווען פון ר' פנחס'נס תלמידים - דער וואס איר האט דערציילט אז זיין פאטער פלעגט זיך אנבינדן א פירל?) אה, דאס איז געווען איינער א קאוונער. (רנ"ב: אבער ער איז נישט געווען פון ר' פנחס'נס מענטשן?) יא יא, אוודאי, אלץ ר' פנחס'נס - דער פאטער.

דעם פאטער האב איך שוין נישט געקענט, מען האט מיר דערציילט, דער זון האט מיר דערציילט; און דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער) האט מיר דערציילט: דער פאטער איז געווען א פראסטער - (פשוט'ער) מענטש, ער איז געווען א שמיד, איך ווייס - ווי הייסט עס דא? א נפח - א שמיד, אבער אויף דער עלטער האט ער שוין נישט געקענט ארבעטן, איז ער געווען ביים זון (התאכסן אצלו), אן אלטער טאטע.

וואס האט ער געטאן? ביינאכט איז ער אויפגעשטאנען חצות, און בייטאג איז ער געגאנגען, ער האט גענומען א פירל - א וועגעלע, ער האט נישט געהאט קיין פערד - איז ער געווען דער פערד, ער האט זיך איינגעשפאנט, צוגעגאנגען צו יעדע שטוב, מען האט אים געגעבן א שטיקל האלץ, אנגעלייגט דעם פירל מיט האלץ.

ביינאכט נאך חצות, פלעגט ער גיין אריינווארפן די האלץ צו די ארימעלייט, די ארימעלייט וואס האבן דאך נישט צו הייצן, די ארימעלייט האבן שוין געוואוסט, זיי האבן אפען געלאזט א טיר, א פענסטער, האבן זיי געהאט אויפן טאג אויף צו הייצן.

אזוי האט ער געפירט די זאך: אויפגעשטאנען חצות, געדינט דעם אויבערשטן, און איינגעשפאנט דאס פירל און ער איז דער פערד - ער גייט פריער, און אין יעדע שטוב ווארפט ער אריין האלץ.

(רנ"ב: אזוי ווי ר' משה לייב סאסוב'ער!) און ער איז געווען א פראסטער מענטש, ער האט זיך אליין גענומען דעם וועג, ווער האט אים געגעבן דעם וועג?! אליין גענומען זיך אזא מין וועג.

ביטאג איז ער ארומגעגאנגען - אלע האבן שוין געוואוסט אז ער גייט ארום, יעדער האט אים געגעבן א שטיקל האלץ, האט ער עטליכע הונדערט שטיקלעך האלץ, יעדער גיט אים א שטיקל, וואס איז דען א שטיקל האלץ?! און דאס האט ער אלע ביינאכט איינגעטיילט אויף צו הייצן.

❖

## רבוש"ע, גיב א חודש הייצונג!

מען דערציילט דאך א גרויסקייט פון דעם בארדיטשובער רב. דער בארדיטשובער רב פלעגט אנהויב ווינטער ארומגיין מיט עטליכע בעלי בתים אין שטאט צונויף נעמען אויף צו געבן אויף צו הייצן - געגעבן ארימעלייט זיי זאלן האבן אויף צו הייצן אין די גרויסע פרעסטן.

(פנה הרב כלפי מעלה, וביקש:) "נו, אידן האבן געגעבן געלט - רבוש"ע, וואס גיבסטו?" - אידן געבן אלע געלט, וואס גיבסטו?!.

- "גיב א חודש הייצונג!" - איז געווען א ווארעמער חודש.

עס איז געווען ווארעם אין די ווינטער, מען האט נישט באדארפט (הייצונג).

(רמ"ב: יענעמ'ס זון איז געווען דער וואס איז אויפגעשטאנען ביים לערנען ליקוטי מוהר"ן - און ווען מען האט אנגעהויבן רעדן פון רבי'ן איז געווארן נשתנה פניו?) ניין, אלץ איז געווען דער פאטער.

דער שווער פלעגט רעדן פון דעם פאטער אזוי ווי מען רעדט פון אן איש צדיק - אזוי א מענטש - ווי קומט דאס אהין צו אזא פראסטער מענטש אזא מין עבודה - אויפשטיין חצות און ארומגיין אריינווארפן ביי די ארימעלייט אויף הייצונג און ביטאג ארומגיין

איינשפאנען זיך אזוי ווי א פערד אפנעמען א פיר האלץ אומעטום!? - עס איז דאך א געוואלדיגע זאך, דאס איז דאך כאחד מן הגדולים!

ביינאכט האט ער עס צוטיילט, ער האט נישט געוואלט אז יענער זאל ווערן פארשעמט.

❖

# א ריקוד פאר א פלאש נאפט

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: שבתי ברסלב'ער פלעגט טיילן ברויט?) ער איז אויך געווען א פראסטער (פשוט'ער) מענטש. אין אומאן - א הונגער געווען, פלעגט ער ארומגיין מיט א הויכער זאק, צונויף נעמען, אריינגעקומען אין א שטוב אריין, אז ער איז אריינגעקומען אין א שטוב אריין און עס איז נישט געווען אביסל נעפט, האט ער געגעבן א פלעשל נעפט אויך.

(פעם כשבא לאחד לבקש ממנו נאפט לנצרכים) זאגט יענער אים: "שבתי דו מיינסט ערנסט? שטעל דיך אוועק טאנצן אינמיטן די גאס דא, וועל איך דיר געבן א פלאש נעפט"! - (ותיכף ומיד) - ער טאנצט שוין א ריקוד! (ואמר לאותו אדם:) "שוין, גיב אהער א פלעשל נעפט".

אז דער שבתי איז געשטארבן אין אומאן, ביי זיין לויה האבן די קינדער נאכגעשריגן: 'שבתי מיט די זעק ברויט איז געשטארבן'.

די קינדער האבן געשריגן אין די גאס: שבתי מיט די זעק ברויט איז געשטארבן!

דאס איז א גוטע שבח, אז מען שרייט אים נאך ביי די לויה אזעלכע ווערטער. ער האט געהאט א זוהן, פלעגט דער זון אים זאגן: "טאטע מען וועט דאך מיינען אז דו נעמסט פאר זעך ווייל איך וויל דיר נישט געבן עסן". (ענה לו:) **"אוודאי נעם איך פאר זעך, פאר דיר נעם איך?!"...**

אוודאי נעם איך פאר זעך, אים נעם פאר דיר?!

ביי אונז איז געווען פראסטע מענטשן. איך געדענק - שבתי האט געהאט אזא זאך, ער פלעגט נאר עסן איינמאל אין טאג. ער פלעגט אריינקומען בייטאג אין שול אריין - נעמען אן אורח און געגאנגען עסן מיטאג, אזוי האט ער געטאן - געקומען, געדאווענט

מנחה, ער האט נישט גענעסן מער ווי איין מאל אין טאג, ער איז געווען א פראסטער מענטש.

(רנ"ב: און וואס האט ער געטוהן ביז מיטאג?) ער האט געהאט א קלייט, ער פלעגט גיין צום רבי'ן אויפן ציון, א געוואלד געווען, ער האט נישט געוואוסט די טייטש פונעם דאווענען, נאר ער פלעגט דאווענען מיט אזעלכע בכיות, אזעלכע געוויין.

(ער האט געזאגט אמאל:) 'אונזערע לייט וויינען דא, איז א סימן אז עס איז א גוט ארט דא צו וויינען'! (רנ"ב: דאס איז געווען ביי 'ותן בלבנו בינה') יא, 'ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל' - איך זעה דאך אז אונזערע לייט וויינען דא, איז א סימן אז דא דארף מען וויינען!

(רנ"ב: דאכט זיך מיר, אז ער פלעגט זאגן: דא האט ר' נחמן טולטשינער געוויינט) - ר' נחמן טולטשינער האט געוויינט, און דער האט געוויינט, דער האט געוויינט - אינמיטן אהבה רבה.

עס שטייט טאקע פונעם תולדות אז מען זאל וויינען ביי אהבה רבה[לח].

וואס רעדן מיר דא? אזעלכע פראסטע מענטשן - נאר עס איז מיט אן אמת, מיט אן אמת האבן זיי עס געטאן, דאס איז דאך ממש כאחד מן הגדולים, כאחד מן הגדולים, ער איז דאך א פראסטער מענטש, מען קען דאך ביי אים נישט מאנען קיין גרויסע זאכענישן, און אין זיין ערך האט ער דאך געמאכט אזוי גוט.

ער איז געווען חיים סטאלער'ס אן איידעם.

❖

## דאס איז א שוסטער?!

עס איז געווען ביי אונז אסאך - עס איז נישט געווען נאר איינער. עס איז געווען איינער משה שוסטער, נאשקע האט אים מקרב געווען. איך בין אריינגעגאנגען אמאל צו אים דארטן, פאררעכטן, מאכן א שיך - צו וואס, קיינער איז נישט געוועזן, איז ער געשטאנען מיט א מין דביקות צום אויבערשטן - דער שוסטער, מיט אזא מין בענקאכטס צום אויבערשטן איז ער געשטאנען.

---

[לח] עי' תולדות יעקב יוסף פרשת וארא, אות א': "וכמו ששמעתי בשם מורי מה שנאמר לו משמים טעם איחור ביאת משיח, שאין מאריכין באהבה רבה".

"רבוש"ע - דאס איז א שוסטער?!" דאס איז א שוסטער? דאס איז דאך א בענקאכטס צום אויבערשטן!

ער האט מיר געפרעגט א שאלה: בשעת ער מאכט דעם שיך צו מעג ער דעמאלטס אויך רעדן צום אויבערשטן דיבורים?!

ער מאכט דאך שיך - צו מעג ער רעדן דיבורים צום אויבערשטן דעמאלטס?! ער האלט א שיך אין די האנט, אזעלכע מעשיות - ממש א געוואלד, א געוואלד!

דער פאבריק האט ארויסגעגעבן אזעלכע מיני זאכענישן, טאקע ממש (אפילו פון) פראסטע מענטשן!

דער רבי זאגט:[לט] ער האט אוועקגעלייגט דעם כלי אויף א בהמה, האט זי געשפילט דעם שיינעם ניגון. פלעגן אונזערע לייט זאגן: (געוועגליך) א בהמה ווארפט נישט אראפ פון זיך די כלי, א בהמה לאזט ליגן, א מענטש גיט א ווארף אראפ די כלי פון זיך...

אז מען לייגט אוועק די כלי - די כלי איז דעם רבי'נס זאך - שפילט זי דעם שיינעם ניגון!

(רנ"ב: דאס הייסט מען לייגט אוועק דעם אייגענעם שכל!) מען לייגט אוועק דעם רבי'נס כלי, דער כלי איז דעם רבי'נס זאך.

❖

און דער שבתי האט געהאט אזא מין ווייב ל"ע, אוי א שלאק, א צרה, א שלאק ווי זי איז געווען, ער איז שוין געווען א איד פון עטליכע אין אכציג יאר, פלעגט זי זאגן ביינאכט: 'שוין קום זיך גט'ן'. פלעגט ער זאגן: 'דער רב שלאפט שוין! דער רב שלאפט שוין, אינדערפרי וועל איך גיין גט'ן'! דער רב שלאפט דאך שוין...

זי איז געווען א 'אשה יראת השם', נאר אים האט זי דערלאנגט עס זאל זיין. אז ער פלעגט געבן איינעם א (מיטאג) פלעגט זי אים געבן קללות - און ער פלעגט איר [ענטפערן]: 'איך פארשטיי נישט דיין שפראך וואס דו רעדסט צו מיר! דו רעדסט עפעס אזא מין שפראך, איך ווייס נישט וואס דו רעדסט צו מיר'...

[לט] מעשה י"א מספה"ק סיפורי מעשיות - מעשה מהבן מלך ובן השפחה שנתחלפו.

איך מיין אזוי - וואס רעדן מיר? - דער אמת דערפון! דער כח פונעם רבי'ן האט אזוי (א כח) אז עס איז נישט מבלבל: לאכט זי יא, לאכט זי נישט, א געשעפט? - שרייט זי, זידלט זי, ער איז זיך געגאנגען זיינס.

דאס איז אויף דער עלטער, ער איז שוין אלט געווען פיר און אכציג יאר ווען ער איז געשטארבן, און נאך ביזן סוף איז ער ארומגעגאנגען מאכן די גרויסע זעק מיט ברויט און טיילן.

(רנ"ב: ר' נחמן טולטשינער האט אים מקנה געווען) יא, אים האט מען גערופן: 'שבתי ברסלב'ער' - אזוי האט מען אים גערופן: שבתי ברסלב'ער[מ].

אזוי ממש געווען - ער האט יעדן איינעם אינזינען געהאט. עס איז געווען איינער עפעס א קראנקער, האט ער אים אינזין געהאט מיט א שטיקל פוטער - א בעסערע זאך, ער האט ארויסגעבראכט פילע קעשענעס מיט פיל זעק און ער האט יעדן איינעם איינגעטיילט.

(איינמאל איז געווען) ער איז אריין אין א קלייט און יענער האט געוואלט מאכן ליצנות פון אים: 'שבתי, אז דו ווילסט איך זאל דיר געבן, שטעל דיר אוועק טאנצן דא'! - און ער טאנצט שוין, (ואמר לו:) נו גיב, גיב שוין, און ער איז אוועק אין אן אנדערע קלייט, עס איז אים גארנישט (אנגעגאנגען) - ער האט געזאגט טאנצן - טאנצט ער שוין - אבי גיב מיר עפעס פאר ארימעלייט, עס איז א געוואלד, עס איז דאך א געוואלד!

(רנ"ב: און שמחה'לע?) ער איז מער אין עבודה געווען! (רמ"ב: ר' דוד צבי'ס א ברודער?) ניין - ר' שמחה'לע פון אומאן, ער איז געווען מערער אין עבודה![מא]

[מ] עי' טעם זקנים קו' ע"ח: "ר' נחמן טולטשינער האט געזאגט: 'איך האב געוואוינט אין טולטשין, איך האב געוואוינט אין ברסלב, און איך האב געוואוינט אין אומאן - און רופן - רופט מען מיך: נחמן 'טולטשינער', און ר' שבתי'ן רופט מען - שבתי 'ברסלב'ער'!'. איז ער מקנא אז מען רופט אים שבתי ברסלב'ער!".

[מא] עי' שיש"ק ח"ד, תקנ"ב: "רַבִּי שִׂמְחָה מֵאוּמַאן הַמְכֻנֶּה רַבִּי שִׂמְחָה'לֶה מֵאוּמַאן זִכְרוֹנוֹ-לִבְרָכָה, הָיָה אִישׁ שָׂמֵחַ מְאֹד מְאֹד, וְהָיָה מִנְהָגוֹ לָלֶכֶת לֶאֱסֹף לֶחֶם שֶׁמֶן וּבֵיצִים וְנֵפְט וְכַדּוֹמֶה בֵּין תּוֹשָׁבֵי הָעִיר מִדֵּי יוֹם וָיוֹם, וּכְדֵי לְחַלְּקָם לַעֲנִיֵּי אַנַ"שׁ, וְלָהוּט וְקָשׁוּר הָיָה בְּמִצְוָה רַבָּה זוֹ עַד שֶׁגַּם בְּעֵת שֶׁבִּקֵּר בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הִמְשִׁיךְ וְנָהַג כָּךְ. הוּא הָיָה בַּעַל תְּפִלָּה נִפְלָא וְהָיָה מִתְפַּלֵּל הַרְבֵּה פְּעָמִים תְּפִלַּת הַמִּנְחָה לִפְנֵי הָעַמּוּד וְהָיָה מְעוֹרֵר מְאֹד אֶת הַקָּהָל לִתְפִלַּת הַמִּנְחָה, שֶׁהָיָה הוֹלֵךְ וּמַזְכִּיר לַנִּמְצָאִים בְּבֵית הַכְּנֶסֶת, מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ-זִכְרוֹנָם-לִבְרָכָה שֶׁאָמְרוּ: לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּתְפִלַּת הַמִּנְחָה, וְאַחַר כָּךְ הִתְחִיל בַּאֲמִירַת הַקָּרְבָּנוֹת בְּהִתְלַהֲבוּת גְּדוֹלָה. נִפְטַר בְּאוּמַאן בְּיוֹם כִּפּוּר בְּעֵת תְּפִלַּת הַנְּעִילָה, שְׁנַת תרע"ט-תר"פ".

שבתי איז געווען מער א רבותא, א פראסטער מענטש, ער האט נישט געוואוסט די טייטש פון דאווענען, אבער ער האט דאך אזוי פיל גוטע זאכן געטאן, ער האט דאך אזוי פיל (אידן) מחיה געווען - ברענגען אלע טאג א זאק ברויט, און טיילן.

"המקיים נפש אחת מישראל כאילו מקיים עולם מלא"[מב] - און ער האט דאך מקיים געווען - גאנצע פאמיליעס האט ער דאך אויסגעהאלטן.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אז מיר זאלן צוגיין צום רבי'נס זאך, יעדער איינער אין זיין ערך - וועט דאס פאר יעדן איינעם מאכן לעכטיג!

❖

## אז מען רעדט פון רבי'ן...

איך האב אמאל געזעהן ר' משה טשענסטכאווער ע"ה, מיינער א שוואגער, האב איך אים געזעהן אין חלום. האב איך אים געזאגט: משה וואס הערט זיך עפעס? זאגט ער מיר אזוי: 'דעם רבי'נס זאך - אז מען נעמט דאס מיט אן אמת איז עס דא זייער חשוב!'.

ער פלעגט ארומגיין אלע נעכט וועקן חצות אין הייזער. (רמ"ב: ער האט געהאט בזיונות?) יא. ער פלעגט וועקן חצות, ער איז נישט אוועקגעגאנגען ביז מען האט זיך אויפגעהויבן.

וואס איז דעם רבי'נס זאך? דעם רבי'נס זאך איז התבודדות! דעם רבי'נס זאך איז אויפשטיין חצות! דעם רבי'נס זאך איז אינזין האבן דעם תכלית! - דאס איז דאך דעם רבי'נס זאך.

עפעס טשעפען יענעם? פון יענעם רעדן? מיר דארפן רעדן פון זיך אליין! איך וויל עפעס אפמאכן יענעמ'ס יצר הרע - דעמאלט וועט מיר זיין בעסער?! - דאס איז דעם רבי'נס זאך: נישט לאזן זיך נארן, דער וועלט נארט אפ![מג] - און שוין, דאס איז עס.

אונזערע לייט פלעגן זאגן: אז "דער רבי האט גע'פועל'ט ביים אויבערשטן, אז ווען מען רעדט פון אים זאל מען האבן א הרהור תשובה!"

[מב] סנהדרין לז.

[מג] עי' שיחות הר"ן נ"א.

אז מען רעדט פונעם רבי'ן האט מען א הרהור תשובה - און א הרהור תשובה וויל דער בעל דבר נישטליידן.

'האבן דא א הרהור תשובה' וויל ער נישט ליידן. נו, ברוך השם מען קומט זיך צונויף מען רעדט פון רבי'ן - האט מען א הרהור תשובה, א הרהור תשובה אין דעם עולם, האָ האָ!

אונזערע לייט פלעגן מאכן נסיעות - זיי האבן געוואוינט איינער אין א שטאט - מאכן א נסיעה און פארן אז מען זאל קענען רעדן פונעם רבי'ן![מד]

מען האט געוואוסט אז מען רעדט פונעם רבי'ן, גייט מען אוועק עפעס מיט א הרהור תשובה, עפעס מיט א קבלת עול מלכות שמים, עפעס א ריח טוב.

❖

דער רבי זאגט טאקע אין תורה 'תקעו תוכחה'[מה]: "למס עובד" - 'למסמם'. בשמים - וואס מען צורייבט זיי מערער, שמעקן זיי מערער.

די תורה הקדושה איז א בשמים, עס איז א תבלין - אזוי זאגט די גמרא[מו]: "בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין". (ולכאורה קשה) די תורה איז א בשמים? (היה די לומר:) 'בראתי יצר הרע בראתי תורה'?!

נאר דער תירוץ איז אזוי: דער יצר הרע איז א ריח רע, פון אים גייט ארויס שלעכטע ריחות, וואס אז מען פאלגט אים, (גייען ארויס) שלעכטע ריחות; און אנטקעגן איר, איז די תורה א תבלין. תבלין איז בשמים - גוטע ריחות. (לכן) אנטקעגן דעם ריח רע וואס ווערט פון די מעשים רעים, איז די תורה א תבלין.

דער רבי זאגט: בשמים - אז דו זאלסט עס רייבן מערער, וועט עס מער שמעקן! וואס מען טוט עפעס א זאך זאל מען מערער רייבן! דאס הייסט, מערער רייבן די זאך.

---

[מד] עי' חיי מוהר"ן תקמ"ג: "וגם היה רצונו שיסעו נסיעות בשביל זה כדי לדבר עם בני אדם".

[מה] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח', אות י'.

[מו] קידושין ל:

ברוך השם, מיר האבן - מיר קענען דאך נישט מאכן קיין נייע תורה, קיין נייע מצוות, מיר דאווענען די שמונה עשרה דריי מאל אין טאג די אייגענע ברכות, מען איז נישט מוסיף קיין ווארט (ע"כ איז דער עיקר - רייבן מערער).

❖

(חסר) דער שמחה אין וואס מען דארף זיין, נעמט זיך נישט פון קיין גשמיות, פון קיין עסן, פון טרינקען, מיט אנדערע מיני (תענוגי עוה"ז), ברוך השם עס איז דא פון וואס צו זיין פריילך.

רבי נתן איז מקורב געווארן צום רבי'ן, ער איז געווען א יונגערמאן, דער פאטער איז געווען אן עושר, און דער שווער איז אויך נישט געווען קיין ארימאן. איידער ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן האט מען זיך געריסן איבער אים, דער פאטער האט געוואלט אז ער זאל זיין ביי אים, דער שווער האט געוואלט ער זאל זיין ביי אים, מען האט נישט געוואוסט מיט אים וואס צו טאן (מרוב חביבות אליו).

אבער אז ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן - האט דער אים געטריבן, דער האט אים געטריבן, מען האט אים נישט ארייגעלאזט אין שטוב אריין, ער איז געווארן אויס מיוחס.

אבער ער איז נישט געווארן (געפאלן דערפון. ואמר:) 'ווען זיי זאלן וויסן וואס איך פיל, וואלטן זיי דאך מיר נישט גערודפט'.

ער האט געזעהן אזא מין אוצר, אזא מין פארמעג ביים רבי'ן! נאר וואס? זיי ווייסן נישט - ווען זיי זאלן וויסן?

עס איז איינמאל געווען ביי רבי דוד צבי'ן, עפעס פאר שבועות, אסאך רבנים האבן געווארט אויף ר' דוד צבי'ן ער זאל אנקומען - (ער איז געווען) א רב אין אסאך שטעט, רבי דוד צבי האט זיך אביסל פארשפעטיגט - אויף שבועות האט ער באדארפט קומען, און ר' נתן פארט זיך אוועק צום רבי'ן, קיין זאסלאב דעמאלט - עס איז געווארן א געוואלד: אזוי פיל רבנים זיצן אוןווארטן אויף אים (על חמיו), ר' דוד צבי - א קלייניקייט?! און דו פארסט אוועק? - אבער ווען זיי זאלן וויסן וואס ביים רבי'ן איז, וואלטן זיי - (כנ"ל).

❖

# ווער דען האט געקענט דעם רבי'ן?!

(ר' חיים שלמה: ר' נחמן טולטשינער האט אמאל געזאגט: איי ווען איך וואלט געקענט דעם רבי'ן?) **ער האט געזאגט צו ר' נתן'ען: "איי איי, ווען איך וואלט ווען געקענט דעם רבי'ן!". האט ר' נתן געזאגט: "ווער דען האט געקענט דעם רבי'ן? יוסל פאראניק?!"**

**- איינער איז געווען דארטן ביי א טייך - א טייך איז דא אין ברסלב - דארט קיין ראיריד - דער בוג** (נהר ידוע באוקריינא) **גייט דארטן איבער, און מיט א פאראן** (ספינה קטנה) **מוז מען איבערפירן די מענטשן** (לעבר הנהר). **ער האט געהייסן יוסל - דער וואס פלעגט אריבערפירן.**

(ואמר מוהרנ"ת לר' נחמן טולטשינער:) **ער האט געקענט דעם רבי'ן?! - ער פלעגט דאך אריבערפירן אסאך מאל דעם רבי'ן - "ער האט געקענט דעם רבי'ן?!" - ער האט אריבערגענומען דעם רבי'ן, און שוין! - "אוודאי, דו האסט געקענט דעם רבי'ן!"**

**אז מען רעדט פונעם רבי'ן און דער אויבערשטער העלפט נאך אז מען האט א הרהור תשובה פונעם רבי'ן - אט דאס הייסט מען האט געקענט דעם רבי'ן!**

**רבי נתן ברענגט[מז], אז אויף דעם רבי'ן איז תמיד געליגן א בושה על פניו. 'בושה', זאגט דער רבי, איז דער 'אור התפילין'. תמיד איז געליגן א בושה על פניו - נו, דאס איז דער "קרן עור פניו"[מח].**

**דער רבי זאגט טאקע אין תורה ל"ח** (עי' לעיל)**: עס שטייט ביי משה רבינו: "כי קרן עור פניו" - זאגט דער רבי, דאס איז די בושה וואס איז געליגן אויף משה רבינו, די**

[מז] עי' שיחות הר"ן קס"ח: "גם סיפר מגדל הבושה שהיה לו. שהיה מתבייש מהשם יתברך והיה מרגיש ממש הבושה על פניו. והיה מרגיש כמו מי שמתביש מחבירו מאד. כי היה מרגיש שמתחילין מראה פניו להשתנות לכמה גוונין כדרך המתביישין ממש בלי שום שינוי וכבר נתבאר מגודל הבושה והיראה שהיתה מונחת על פניו תמיד אשר לא נראה כזאת. והרב הקדוש מורנו הרב רבי נחום זכרונו לברכה מטשערנאביל ראה אותו בימי נעוריו בקהילת מעדוועדיווקע, ונתבהל מעוצם היראה שהיה על פניו אז, ואמר שמה שנאמר (שמות כ יז): "למען תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו" זה רואין בחוש אצלו!".

[מח] שמות לד, כט.

בושה פונעם אויבערשטן דאס איז דער 'קרן עור פניו', עס האט געשיינט דער פנים, דער אור הפנים דאס איז די בושה, תפילין, משה האט זוכה געווען צום אור התפילין.

- אז קיינער פארשעמט אים נישט, קיינער זאגט אים גארנישט - און ער זעצט זיך אוועק אין א ווינקעלע און פארשעמט זיך אזוי פאר דעם אויבערשטן גלייך ווי די גרעסטע בושה - דאס איז א סימן אז ער איז דבוק אין דעם אויבערשטן - זאגט דער רבי - אז ער שעמט זיך!

❖ ❖ ❖

## ניגונים מתקופת רביז"ל

(חסר, מדברים אודות איזה ניגונים ותנועות שיש לנו מרבינו הקדוש)

(רנ"ב: "והא אזמין עתיק יומין" איז אויך פון רבי'ן?) **דאס ווייסט מען נישט.**

(רנ"ב: "אתה נגלית" און "אשת חיל"?) **'אתה נגלית' איז אזוי געווען; מען האט געזינגען פאר'ן רבי'ן, ווי אזוי דער רבי ר' ברוך'ל האט געזינגען דעם ניגון פון אשת חיל - און מען האט געזינגען אתה נגלית אויף אשת חיל. האט דער רבי געזאגט: "מען דארף איבערבייטן" - האט מען איבערגעביטן.**

(רנ"ב: איז פון די אלע זמירות איז נאר דא די צוויי זאכן?) **יא!**

**און ווייטער דער פרומער ניגון** ('מעין עולם הבא') **ווייסט מען אויך נישט פון וואו עס נעמט זיך, מען זאגט אויך אז עס איז עפעס א תנועה פונעם רבי'ן; מען רופט עס דעם פרומען ניגון!**

(רנ"ב: נישט וואס ר' חייקל האט עס געזינגען?) **יא ר' חייקל האט עס געזינגען, אבער מען זאגט אז עס איז אויך א תנועה, אזוי ליגט מיר אין זכרון עפעס.**

(רנ"ב: וואס איר זינגט אויף "יחדשהו" - דאס איז דעם רבי'נס א ניגון - אדער וואס מען האט דאס געזינגען ביים רבי'ן?) **דאס איז א ניגון וואס דער רבי האט געזאגט, אז "מיט דעם ניגון רופט ער די מחותנים"**[מט] (- ורלוי"צ התאים אותה על "יחדשהו" וכו').

---

[מט] עי' חיי מוהר"ן קי"ז: "בשנת תקס"ה עשה נישואין לבתו מרים זכרונה לברכה בקהילת קודש וואלטשיסק, וכו', עיי"ש. באותו השבת שתה מעט יין מחמת שמחת הנישואין כנהוג, והיה בשמחה גדולה ורקד הרבה כמעט כל היום כנ"ל. ואז סמך עצמו על רבי יודל ורקד, והיו מזמרים אז ניגון נאה והתעוררות של יראה, והוא רקד על ידי זה הניגון. כי כן היה דרכו

דער רבי האט דאך געזאגט - אז עס קומט א חופה דארטן, קומען דאך אלע צדיקים, דער בעל שם הקדוש, ר' נחמן הוראדענקער.

(רנ"ב: עס איז געווען ווייזט אוים א באוואוסטע ניגון דעמאלטס!) **איך ווייס נישט, דער רבי האט געזאגט: מיט דעם ניגון רופט מען די צדיקים, שוין!**

---

על פי רוב לרקד על ידי ניגון של התעוררות ויראה. והניגון ידוע **אצלנו!** ואמר אז: שהניגון הזה הוא ניגון קריאה וכרוז, שקורין אותם על ידי ניגון זה שיתקבצו כולם על החתונה. היינו שקורין כל הנשמות המתים הצדיקים הקדושים של משפחתו שהם הבעל שם טוב ז"ל, וזקנו רבי נחמן ז"ל, ואמו הצדיקת זכרונה לברכה, שכולם יבואו על החתונה כמבואר בזוה"ק (חלק ג ריט:): שבשעת החתונה מתקבצים כולם".


**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **שמחה פערלשטיין** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **שמואל הכהן ראטה** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

**יצחק יעקב** בן **פראדל**
**פייגא** בת **רחל**
לרפו"ש בתוך שאר חולי ישראל

לעילוי נשמת מו"ה
**יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
תנצב"ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו. נלב"ע י"ב שבט תשע"ט. תנצב"ה